STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06251

LIDER VEGN LID

Martin Birnboym

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



צווישן ביידע וועלטן

אַנדערע ביכער פון דעם מחבר

ווייזערס (לידער) 1933

דער וועג אַרויף (לידער) 1939

לידער פון היינט און נעכטן 1978

לידער וועגן ליד 1981

מאַרטין בירנבוים

לידער וועגן ליד.

(און אַנדערע לידער)

Copyright © 1981 by Martin Birnbaum

אילוסטראַציעס פון מחבר,

Ikuf Publishing House
1133 Broadway
N.Y., New York
איקוף פאַרלאַג
1133 בראָדוויי, ניו יאָרק.

Typography & Printing (212)232-5391

מיין טייערער
פרידאַן

די פרייגעביקייט פון מיין אַלטן און טייערן פריינד, עמיל וּוהאַיט, דעם באַוואוסטן מאָלער פון ביג סור קאַליפאָרניע, האָט מעגלאַך געמאַכט די דערשיינונג פון דעם בוך. אים — מיין דאַנק און מיין ליבשאַפט.

מ. בירנבוים. 1981

דער קאַטערינשטשיק

אינהאַלט

אַליין 13
אָן דיר 14
אין שעהן אַזוינע... 16
לידער זיינען... 17
דורך וועלכע — 18
איך ווייס ניט 19
ס׳דאַכט זיך מיר... 22
ס׳ווערט שווערער 23
ס׳קען זיין 24
איך קום 26
ס׳הייבט אָן אַמאָל 28
לידער וועקן מיך 30
ביים שרייב־טיש 32
ס׳קען ווערט זיין 34
אָן טענות 35
כ׳האָב אַ ליד גענומען שרייבן 36
ווי די 38
פרייד און טרויער 40
צי זיינען זיי 41
ווערטער 42
די נעכט 44
ס׳איז אַן ערשטלינג 46
ווען 48
ס׳האָט ניט ווער 50
כ׳טו אַמאָל 52

איך גיי און איך גיי 54
לידער 57
ניט געענדיקט 58
געבענטשט 60
איך וואַרט ניט 62
קומט 64
שפּעט־זומערדיקע שוואַלגן 66
איך שרייב 68
קום, זינגער 69
וועלכער וועטער־נביא 70
דער מעטאַפאָר 72
אין וואָס מיר גייט 74
איך טראַכט 76
באַווירקונג 78
מעג זיין 80
איך קען ניט זאָגן 82
גלאָז־גלאַנץ 84
זיי ווייסן 85

2טער טייל.

און אַנדערע לידער

ווען איך וועל שוין זיין 88
ביים רינדל 90
ערשטער קנאָספּ 93
כ׳האָב ליב אַמאָל 95
אונטער טרויעריקע אשן 97
שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן 99
אין וויאַלע גראָזן 101
עלעגיע 104
ער טראָגט אויף זיך 107
היינט 110
יעדע נאַכט 111
און איך 113
אַ שעה אין הויכן זומער 115
אויפן בעציקל 119
צי מוזן מיר 121
מיין שפּיגל 124
צי געדענקסטו? 127
זאָל ער 132
איז מיר באַשערט 134
ניט אין דעמער פון נעפּלען 136
ביים אויפדעקן דעם שטיין 148
כ׳האָב ליב ניו יאָרק 150
אין דער שטילקייט 152
פרידאַן 153
מעג זיין 155
פאַראַן אַזוינע 157
כ׳וואָלט וועלן 159

האָראָדענקער קאַוואַל

אַליין

איך זינג אַליין מיר
אין מיין נאַכט אַריין —
ניטאָ קיין אָנשפּאַר,
קיין וואַנט ניט,
קיין פּאַרענטשן...
בלויז דאָס האַרץ
איז מיין לאַמטערנשיין —
און איך דאַרף
א יידיש האַרץ נאָך
פון אַ זינגענדיקן מענטשן...

אָן דיר...
(פרידאַן)

אָן דיר —
וואָס וואָלט נאָך פאַרבליבן?!
דאַכט זיך —
גאָרניט מער.
צי וואָלט איך אַ ליד נאָך אָנגעשריבן?
צי וואָלט געווען נאָך
אַ קלאַנג אין מײַן געלעכטער?
צי וואָלט איך געפילט
די זאַלציקייט נאָך פון אַ טרער?

אָן דיר —
וואָסער ליכט וואָלט זיך נאָך אָנגעצונדן?
וואָסער נייער אָנהייב
וואָלט געקענט זיין גוט?
צי וואָלט ניט אַלץ,
וואָס איז אין מיר
מיט דיר פאַרשווונדן?
צי וואָלט זיך אויפגעהאַלטן נאָך אין מיר
אַ פלעמל כאָטש,
אַ פונק פון מוט?
ס׳דאַכט זיך מיר,
אָן דיר,

וואָלט פּינצטער מײַן אַרום געוואָרן!
אָן ריח אַלץ
און אַלצדינג אָן אַ פּאַרב...
ס׳וואָלט ניט געאַרט מיך שוין
די בלום
און ניט דער דאָרן...
און ניט צי איך בין דאָ
און ניט צי איך פאַרדאַרב.

אין שעהן אַזוינע...

און שלאָפלאָזע שעהן
פיינלעך־צעוואַכטע,
פאַרשרייב איך ניט איין מאָל
מיין פילן. מיין טראַכטן;
ברעקלעך געדאַנקען, לידער־פראַגמענטן;
קליינע געשאַנקען פון שעהן פאַרשווענדטע.
און דאָס, וואָס בליצט אויף
און ס׳ווערט ניט געבוירן —
אַ פונק און דער פינצטער —
און אָט — שוין פאַרלוירן!
נאָך דעם טוט מיר באַנג
און איך זוך און איך נישטער
און ס׳האַלט מיך צעליכטיקט
און וואַך אין דער פינצטער...

לידער זיינען...

לידער זיינען
אַלץ וואָס מען געדענקט;
וואָס מען וויל פאַרגעסן;
אַלץ נאָך וואָס מען בענקט
וואָס איז ליב און טייער
און — וואָס איז ביז פּיין דערעסן...

לידער זיינען נעכטן, מאָרגן, איצט —
לידער זיינען אויפן האַרץ
די אָנגעשפּאַנטע סטרונעס;
לידער זיינען בריענדיקע פונקען
אינעם מאַרך צעבליצט,
לידער זיינען פעלזיקער גראַניט;
לידער זיינען זייפן־בלאָזן,
חלומות אומבאַשטימטע
אין טיפע נעפּל־גריקייטן פאַרזונקען.

לידער זיינען פּאָלק און שפּראַך און האַפט
און גאָלד־געוועבן
אייגעגלידערטע אין דורותדיקע רינגען;
לידער זיינען —
גלויבן, מוט און קראַפט
און אַלצדינג,
וואָס זיי מוזן זינגען.

דורך וועלכע —...

דורך וועלכע דינע אָדערלעך
פליסט ער, אָט־דער זאַפט,
וואָס זאַמלט זיך
צום שעפערישן קוואַלן — ?
א רעטעניש —
א סוד אין דעם באַשאַף;
אַ צויבער קעסטעלע אַזאַ.
אַ לידער וויגל,
וואָס ביים געבוירן שוין
איז מען און אים אַריינגעפאַלן.

צי איז עס אַ ברכה.
אַזאַ ביטער־זיס געשאַנק — ?
ווי ביטער ס׳איז אַלץ
וואָס דעם מענטשן איז געגעבן...
ס׳טרינקט אַ יעדער
פון זיין נשמה־ברונעם דאָס געטראַנק:
די קללות און די ברכות
פון זײַן אייגן לעבן.

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט
פונעם דיכטער ווער ס׳איז רייכער;
איך ווייס ניט
אָרעמער פון אים ס׳איז ווער;
ס׳איז זיין האַרץ,
אַן אייביקער, אַ פולער שפּייכלער;
און ס׳הענגט אויף אים
די בעטלער־טאָרבע
און ביידע,
די עשירות און דער דלות,
ליגן אויף אים שטייניק־שווער.

ער טראָגט אין זיך
פון זון און שטערן דאָס געפינקל;
ער טראָגט אין זיך
דעם גרויען יאָמער פון דעם אָסיענדיקן ווינט;
ער איז אַ גרייז, אַ זקן,
און ער איז אַ יינגל...
ער זעט דורך מויערן און מאַסקעס
און ניט איין מאָל טראַכט ער,
אַז ער איז אינגאַנצן בלינד...

פון דער וועלט
ער פילט אין אַלע נערוו־צעלן די פּיינען —
און וואָלט די פרייד געשוימט,
ווי פריידיק

ער וואָלט זי באַזונגען און געטיילט!
ער בענקט נאָך ליכט —
אַז די זון
זאָל אומעטום און אייביק שײנען;
אַז אַלע וווּנדן פֿונעם מענטש,
זאָלן ווערן פֿון דעם מענטש אַליין
פֿאַרבונדען און געהיילט.

ער פֿויקט און רופֿט
און שפּילט אויף צאַרטע האַרפֿן;
ער שווײַגט —
און מיינען קען מען דעמאָלט,
אַז ער רוט;
ער ליגט אויף נאָדל־שפּיצן
און אויף מעסער־שאַרפֿן;
אויף רויזן שפּאַנט ער
און אויף די רויזן־דערנער —
און ער לאָזט נאָך זיך אַ סליאַד
פֿון גליאיקע פּעטאַלן
אויסגעמישטע מיט זיין אייגן בלוט.

פֿאַרוואָס איז ער אַזאַ,
דער דיכטער?
פֿאַרוואָס צעשמעטערט און דערהייבט אים
יעדער טאָג?
פֿאַרוואָס איז ער
אי שולדיקער, אי ריכטער?

ווער האָט אים צום מישפּטן דערהויבן ?
קעגן וואָס האָט ער פאַרבראָכן
און ווער האָט אים פאַרקלאָגט ?
צי איז עס אפשר
ווייל ס׳איז דאָס זינגען זיינס
פון זיין שווייגן
אויף קיין אָקטאַוו ניט העכער ?
אפשר איז דערפאַר
זיין ספּיקות־ליד
זיין ריינסטער קלאַנג ? !
אפשר
איז א טרובאַדור צו זיין
היינט אַ פאַרברעכן...
און אפשר
איז זיין האַרץ און זיין נשמה,
אפשר
זיינען אַלע זיינע חושים קראַנק...

האָב איך ניט קיין ענטפערס
און איך ווייס ניט
ווו די וואָר איז —
נאָר עפּעס נאָגט אין מיר
ווי אין אַ צעווינטיקן גאַלאָפּ.
איך בין אַליין דער רייטער
און אַליין דער שפּאָרן —
אָט בין איך אין זאָטל
אַן אָט איך פאַל אַראָפּ.

ס׳דאַכט זיך מיר...

ס׳דאַכט זיך מיר צומאָל,
אַז איך באַלאָד די פליגל פון מיין ליד
מיט צו פיל גרויע, שווערע לאַסטן —
אַזוי פיל ברוכוואַרג,
אַזוי פיל שטיינער בלוטיקע און ציגל
פון אָפּגעגנאַרטע באַריקאַדן —
פון וועגן אויפגעריסענע
דאָס פראַגמענטירטע פלאַסטער.

מוז זיך אָבער ווי עס מוז
מיין ליד געשטאַלטן;
איך קען עס צו קיין גרינגקייטן
ניט צווינגען;
איך זוך זיי ניט, די לייכטקייטן,
צו פאַרגלעטן, צו באַהאַלטן —
נאָר זינגען קען איך נאָר אזוי
ווי איך קען זינגען...

ס'ווערט שווערער

ס'ווערט שווערער און שווערער
ביים שרייבטיש די נאַכט.
נאָר ס'הערן ניט אויף
די לידער זיך דרענגען.
אַ שד
זיצט אין ווינקל פון צימער און לאַכט
מיט אַ ציינישן מויל
און אויגן — צוויי גיפטיקע שלענגלעך.

דאָס ליד גייט זיין וועג
איבער אייז־שיכטן דינע,
איבער הרודעס און שטיינער
און פריש־גרינע לאַנען...
פאַראַן נאָך אין האַרץ
א זאַפּאס, א פאַרמעג —
איך ווייס ניט אויף וויפיל נאָך צייט —
נאָר איך ווייס:
ס'איז גענוג נאָך פאַראַנען.

און אויב ס'וועט אַ ריס טאָן די פען
מיר פלוצים דער שד פון די פינגער —
ער האָט שוין געפרואווט —
און ער קען! —
איז וואָס וועט ווערן פון ליד,
וואָס איך פיל,
אַז איך מוז עס נאָך זינגען?!

ס׳קען זײַן

ס׳קען זײַן אַ ליד:
א שאָטנדיקער וואַלד,
אַ סודעדיקע נאָרע;
אַן אוצר
אין אַ טיפן באַהאַלט;
אַן עלטער־זיידעס נשמה
אין די שפּאַלטן
פון אַ גרויער קאָרע.

ס׳קען זײַן אין ליד —
דאָס ברומען פון אַ רוישנדיקן טײַך.
די געהיימע שטילקייט
פון אַ שווייגנדיקן ברונעם:
צי עפּעס,
וואָס עס דינט צו אים ניט קיין פאַרגלייך
און, אויף זײַן שטייגער,
ס׳מוז יעדער עס אַליין דערקאָנען.

ס׳קען זיין אין ליד —
דאָס ליכט דאָס אייביקע —
די ליבשאַפט! —
דער שיר־השירים פון די עלטסטע צייטן:
ס׳קאָן זיין אין ליד
דער צעבראָכענער ביטחון
פון די נעכטיק־גלייביקע...
און — דער מענטש!
וואָס גאָרניט אויף דער וועלט קען אים פאַרבייטן.

איך קום

איך קום צו מיין ליד
מיט דראַנג, מיט אַ פיבער,
איך קום מיט דרך ארץ
און אָפשיי צום וואָרט;
איך קום מיט מיין ליבשאַפט
און אויך מיט ביטערע פּרות,
מיט אַלץ,
וואָס איז ענג מיטן לעבן פאַרפאָרט.

איך קום צו מיין ליד —
און ס׳ליד קומט צו מיר;
ס׳איז אַ נאַכטיקער, הייסער איניינעם...
נאָר ס׳האָט יעדע נאַכט
אַן אַנדער קאָליר און יעדע נייע באַהעפטונג
איז אַן אָנהייב —
אַ ליבע, אַן ערשטע, אַ ריינע.

און ניט נאָר אַ ליבע,
ניט נאָר באַהעפט —
נאָר, ווי אין איטלעכער ליבע:
געראַנגל !
און ניט איין מאָל בלייבן מיר ביידע —
פאַרמאַטערט, אַנטוישט און געפּלעפט,
און מיר קוקן זיך פרעמד אין די אויגן —
נאָר מיר בלייבן
פאַרפלאָכטן איינעם,
איינס אין דעם צווייטן געפאַנגען.

ס׳הייבט אָן אַמאָל

ס׳הייבט אָן אַמאָל
אַ ליד אין מיר זיך וועבן
און איך ווייס ניט —
וואוהין וועט עס דערגיין?
עס רייסט זיך פון אַ טונקלקייט
צום ליכט צו אַן אייגן לעבן —
און איך דאַרף פאַר אים ריידן,
נאָר זינגען ס׳מוז פאַר זיך אליין.

ערגעץ, ווייס איך,
איז די גאַנצקייט,
אַ פאַרהוילענע, פאַראַנען —
און אַז ניט אָנקומען ס׳וועט מיר
די אַנטפּלעקונג גרינג;
כ׳מוז אַלע חושים
אין דער קראַפט פון ווילן שפּאַנען
און וואַרטן אויך
און ויסן:
ניט יעדע מי געלינגט...

נאָר ווען עס קומט די אומרו —
פונעם ליד דאָס יערן —
ווערט אַלץ און מיר
צעשפּיזלט און צעוועקט

און איך באַווייז
דאָס ניט געהערטע
צו דערהערן
און ניט אָפּגעשראָקן ווערן
פֿאַר דעם, וואָס איז פֿאַרהוילן,
פֿאַר דעם,
וואָס רוי איז ביַים געבערן;
וואָס טיף אין האַרץ
עס ציטערט און עס שרעקט.

לידער וועקן מיך

לידער וועקן מיך און מאָנען
און צעשטערן מיר די נאַכט —
פאַרשלייערט זשושען זיי צוקאָפּנס,
ראַזשען איך זאָל בלייבן וואַך.

כ׳וואָלט זיי וועלן איגנאָרירן —
כ׳בין ניט יונג שוין, כ׳בין שוין מיד!
כ׳וויל ניט אויפשטיין און זיך באָרען
מיט׳ן שאָטן פון אַ ליד!

מיט אַן אומבאַשטימטן ריטעם,
מיט אַ בלאַסן ווערטער־קלאַנג.
נאָר איך קען אין בעט ניט רוען
ווען עס נאָגט מיך אַ געזאַנג.

הייב איך אויף זיך, ווי געצוואונגען,
און געפין דעם טיש, דעם שטול,
כ׳זיץ אַ ווײַלע אין דער פינצטער,
כ׳וואַרט ס׳זאָל עפּעס ווערן פול.

ס׳וואַרט די פען אויף די געטרייע
און דאָס ריינע בלאַט פּאַפּיר
און מיט׳ן לאָמפּ, וואָס בליצט אויף פלוצים,
בליצט אויך עפּעס אויף אין מיר.

ס׳פּאַלט דער שלאָף מיר פון די אויגן
און איך לויער שוין און היט,
ווי אַ יעגער מיט אַ שפּיר־הונט
כ׳זוך אין ווערטער־וואַלד דאָס ליד.

צווישן פלאָנטער פון די ריטמען,
אינעם שטעכיקן געפלעכט,
כ׳ראַנגל זיך מיט פולס און שאָטנס
מיט אַ תאווה׳דיקן דעך —

און ברוטאַל כמעט פאַרעקשנט —
און ברוטאַל צו זיך אַליין —
בלייב איך אויף דער שפּור דער הייסער
ביז איך קען שוין מער ניט גיין.

נאָר ווען איך לאָז די פען שוין רוען,
מיד, ווי איך, אויף דעם פּאַפּיר,
הער איך ווי די רו פון צימער
פליסט אַ זיסע אויך אין מיר.

ס׳איז דאָס ליד אַרויס פון פלאָנטער,
ס׳איז ניט מער קיין בלאַס געוועב;
כ׳ווייס שוין: ס׳האָט אַ האַרץ, ס׳האָט פולסן —
ס׳איז אַ קינד מיינס און עס לעבט!

ביים שרייב־טיש

ס׳איז שפּעט.
איך זיץ אַ מידער נאָך ביים טיש.
די פּען איז אין דער האַנט.
איך זיץ מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.
עס ברעכט דער נאַקן און דער קריזש —
נאָר עס לאָזט ניט רוען
דער ווירוואַר
פון די באַשריבענע פּאָר בויגנס.

ווי אַ מאַגנעט
עס ציט דאָס ליד
און האַלט ביים טיש מיך ווי אין קלאַמער;
עפּעס אין מיר
לאָזט ניט און עס היט —
טאָמער וועט עס נאָך אַ שעפּטש טאָן,
און איך וועל אַ פונק אַ לויטערן
אין אים פאַרזאַמען.

אַזויפיל סודות, דאַכט זיך,
זשוזשען ארום מיר,
ווי בלעטלעך צאַרטע,
ווי סאַמעט פון פעטאַלן;
די שטילקייט אָטעמט און וויברירט
איך האָרך און וואַרט
זי זאָל פאַר מיר
מיט ליכטיקער אַנטפּלעקונג
זיך צעשטראַלן.

איך ווייס ניט פונקט
וואָס איך דערוואַרט —
איך ווייס,
אַז אין די פערזן
דארף זיך עפּעס נאָך אַ הייב טאָן...
זײַ איך
מיד און איינגעשפּאַרט —
ווי ניט איין מאָל שוין —
ביז עס גרויט שוין דער פאַרטאָג
דורך די טרויעריקע, כמורנע שויבן.

ס׳קען ווערט זיין

דער
וואָס קומט צו דעם ליד,
מוז פּרווון צו אים זיך דערשלאָגן
און אַליין אויך —
מיט שכל און מי —
דערגיין צו דעם דיכטערס נשמה
און געפינען אין איר דאָס אייגנס
וואָס ער קען אַליין עס ניט זאָגן...

מעג זיין דער אָנשטרענג
ניט גרינג —
קען ווערט זיין
די מי ניט צו שוינען:
ווייל אויך דאָס פאַרבאָרגענע זינגט
אינעם דינעם געוועב פונעם ליד
און אפשר ליגט דאָרט פאַרן האַרץ
די שענסטע און רייכסטע באַלוינונג...

אָן טענות

איך האָב צו יענע לידער ניט קיין טענות,
וואָס איך געפין דעם שליסל ניט
צו זייער סודותדיקן שלאָס.
ס׳ווערט יעדער מענטש באַרוישט פון זיינע וויינען
און יעדער דיכטער טרינקט פון זיין נשמה־כוס.

איך ווער ביי זיך ניט גרעסער און ניט קלענער,
צי איך שפּאַלט — צי שפּאַלט איך ניט —
די אַטאָמען פון אַ ליד;
אַבי נאָר איך דערפיל,
ס׳איז צום דערקענען:
ס׳איז דעם זינגער׳ס קול;
ער האָט זיין ריינקייט, זיין געוויסן אָפּגעהיט.

כ׳האָב ליב, געוויס, מיין האַרץ זאָל זיך צעוויגן
מיט אַ זינגערס ניגון, מיט זיין וואָרט און זיין געדאַנק,
נאָר זינגען מוז אַ דיכטער,
אַזוי ווי ער מוז זינגען
און איך עפן אויף דאָס האַרץ מיינס און מיין אויער
און דאָס פאַרבאָרגענע איך זוך
און דערהויבן ווערן, יאָ —
ניט גרעסער! —
ווען איך דערגיי צו דעם פאַרשלאָסענעם,
דעם סודותדיקן רויש פון זיין געזאַנג.

כ׳האָב אַ ליד געגומען שרייבן

כ׳האָב אַ ליד געגומען שרייבן;
ס׳האָט זיך צעציטערט
ווי אַ נאַכטיגאַל,
און איך האָב ניט געוואָלט
קיין ביטער־זיסע קלאַנגען.
כ׳האָב אין דער טונקלקייט
געוואָלט אַ ליכט —
כאָטש אַ לבנה־שטראַל,
וואָס דורך אַ שפּאַרע
האָט ער זיך צו מיר פאַרגנב׳עט.

האָט דאָס ליד געוויגט זיך
אין דער נאַכטיקייט
אויף זיינע זשוזשענדיקע צווייגן
און מיר איז ניט געוואָרן גרינג;
נאָר געזונגען האָב איך —
בעסער זינגען ווי צו שווייגן!
בעסער
ווי פאַרביסן בענקען
איינגעקלאַמערט
אין אַן איינציקן באַדינג.

און ווען עס איז דער ניגון אויסגערונען
האָט פּאָרט עפּעס
אַ לויכט געטאָן אין מיין געמיט
ס׳האָבן אין דער טונקלקייט
ניט אויפגעשטראַלט קיין זונען —
נאָר געליכטיקט ס׳האָט אין איר
אַ גליענדיקע סטרונע
און אויף איר
געציטערט האָט מיין נאַכטיק ליד.

ווי זי

ווי זי,
פון "טויזנט און איין נאַכט",
די שיינע שעהערעזאַדע,
וואָס האָט פאַר דעם סולטאַן —
דעם בלוט־דורשטיקן שאַריאַר —
דאָס לעבן זיך צו ראַטעווען
טויזנט און איין נאַכט
מעשׂות אים געשפּונען
אַזוי־אָ, נאַכט נאָך נאַכט,
זינג איך מיר אַליין באַלאַדעס —
און טרינק מיין לידערדיק געטראַנק
פון אַ געפעס וואָס ווערט ניט אויסגערונען.

צי שרעק איך זיך,
ווי זי, שעהערעזאַדע,
אַז קוים כ'הער אויף צו זינגען
וועט אויף מיין האַלדז
די האַק פון הענקער פאַלן?
אַז אָן די לידער מיינע,
די — צו וועמען? — סערענאַדעס
וועט פאַרוויאַנען מיין נשמה
און אַלץ אין מיר
וועט ווערן טרוקן־וויאַלע?

אויב ס׳איז אַזוי
וועל איך מיט מיין פחד
זיך ניט שעמען
און ווי זי, פון ״טויזנט און איין נאַכט״
ניט אויפהערן
מיט לידער מיר צו ראַטעווען דאָס לעבן —
און האָפן,
אַז ס׳וועט מיין שאַריאַר
מיין ניגון אויך מיט גנאָד פאַרנעמען
און מיין האַלדז
דעם הענקערס האַק ניט איבערגעבן.

פרייד און טרויער

פרייד און טרויער —
ביידע זיינען פונעם לעבן דאָס געזאַנג.
יעדן טאָג
איך זינג אַ לויב צו אים
און איך טרינק אַ דאָרשטיקער
זײַן ביטער־זיס געטראַנק.

און וויפיל ס׳זאָל דער צער
ניט נעסטן אינעם ליד
בלייבט אַלץ נאָך
די מוזיק
וואָס לייטערט די נשמה,
וואָס העלט אויף דאָס געמיט.

וויל איך
עס זאָלן מיך נאָך באַגלייטן
אויף מיין וועג
פון לעבן אַלע זיינע אויסגעמישטע קלאַנגען
און אַז איך זאָל אויך
אַריינוועבן אין זיי
מיינע לידער —
די פריידיקע, די שטילע
און די ביטער־באַנגע...

צי זיינען זיי

צי זיינען זיי
אַ ווידוי
די לידער פון אַ דיכטער?
צי זינגט ער אייביק —
אָפן צי באַהאַלטן —
איך בין זיך מודה און מתודה?
איך קען ניט זיין דערפון דער ריכטער
און ס׳אַרט מיך ניט
אויב יעדעס ליד זיינס
איז פון זיך,
פון זיין נשמה
די ענדלאָזע באַלאַדע.

אויב ס׳איז דעם דיכטערס ניגון
פון דער טיף,
אַ ריינער,
ניט קיין אָנשטעל,
ניט קיין שמינקע,
ניט קיין גלאַנציקע פּאָמאַדע —
זינגט ער
פון דעם גאַנצער מענטשן־עדה!
זינגט ער,
פון מיליאָנען הערצער,
זינגט ער פונעם לעבן
די ענדלאָזע באַלאַדע.

ווערטער

איך וויל, אַז אין די שורות פון מיין ליד —
ווי דורך אָדערן —
עס זאָל דאָס בלוט פון לעבן פליסן;
אַז ווערטער זאָלן זיין די שפּורן
פון מין טראַכטן און מיין פילן;
אַז זיין מיין קאָמפּאַס זאָל
מיין האַרץ און מיין געוויסן,
אַפילו דאַן, ווען ס׳וועט זיך קאָנען דאַכטן,
אַז איך פאַרנעם זיך מיט אַ לידערדיקן שפּילן.

ווערטער
קאָנען האָבן אַזאַ צויבער־קראַפט,
אַזויפיל פאַרבן און נואַנסן...
ווען דאָס האַרץ איז הונגעריק
און מיד און שלאַף —
קאָנען ווערטער אויסזינגען דעם טרויער
מיט קאָלירן און מיט ריטמען,
אַז דאַכטן זאָל זיך:
ס׳איז אַ מוזיק
צום לאַכן און צום טאַנצן.

נאָר ווער עס האָט אַן אויג
אויף צו דערקענען
און ווער פֿאַר קלאַנגען
אַ געמיט האָט
און אַ געהער פֿאַר לידער —
דער וועט וויסן
וואָס עס ציטערט אין די ריטמען און די ווערטער,
דער וועט הערן און דערפֿילן
יעדן זיפֿץ אין זיי
און יעדן שמייכל,
יעדן שטילסטן שאָרך
פֿון ליכטיקער דערהויבונג,
יעדן שעפּטש
פֿון פֿאַלן צו אַ טונקלדיקער נידער.

די נעכט

די נעכט —
מיינע טונקל־סאַמעטענע בייטן —
עס וואַקסט און ס׳ווערט אין זיי געגנערט
דאָס געפלעכט פון מיינע לידער —
מיינע שטעכלינקעס און מיינע רויזן.
מער אַ סך איך פילעווע
און האַווע אַרום זיי,
ווי מענטשן וואָס פילעווען מיט ליבשאַפט
די וואַזאָנע־טעפּ אין זייערן אַ הויז וואו.

ס׳איז יעדע זילב
אַ בלעטעלע, אַ בלאַט;
ס׳איז יעדעס וואָרט
אַ קנאָספּ, א קווייטל —
און אויב ס׳איז אַ פּעטאַל
צו בלייך, צו מאַט,
אויב אַ בוזיק שטעכט ניט אַקוראַט —
שטעכט עס אָבער מיך ביז ווייטיק.

אויף מיין נאַכטיק־סאַמעטענער ערד
ווערט פולער דאָס געפלעכט.
עס לאָזט מיך דאָס געוויקס ניט רוען.
וואָס וועט סוף־כּל־סוף
זיי זיין באַשערט,
מיינע אומעטיקע, מידע,
גליענדיקע נעכט —
מיינע פינצטערע געבענטשע שעהן — ?

ס׳איז אַן ערשטלינג...

ס׳איז אַן ערשטלינג
יעדעס נייע ליד.
עס פּליט די פּען ניט
איבער גלאַטע דילן —
א טענצערקע,
אַן אויסגעפּרוווטע באַלערינע.
ווי איבער־פּול
עס זאָל ניט שוימען דאָס געמיט,
וואַנקט די פּען —
אַ שכור אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג —
און מיט געצאַמטן ווילן
מוז מען פירן זי
און פּאַר איר דעם וועג געפינען.

ס׳איז אַ זינגער
ניט קיין פליער־אַקראָבאַט,
ניט אויף הויך־טראַפּעצן
איז זיין שווינגען;
גיכער באַלאַנסירט ער זיך
אויף שטייף־געשפּאַנטע נערוון־דראָטן;
ווי אָדלערדיק
ס׳זאָל ניט צעשוועבן זיך זיין האַרץ,
מוז ער קלויבן פון דער טיף

דעם ציטער פון נואנסן,
די קלאַנגען,
וואָס זיינען ערגעצוווּ
אין זיינע טיפקייטן צעשאָטן.

ווער ס'דערגרייכט די גרונטן
פון אַ מינע, פון אַ שאַכט,
און דימענטן פון דאָרטן ברענגט ער —
פון דער פינסטערניש אַרויסגעריסענע,
פון אַ מיסטעריעזער נאַכט;
שטערן גאָלדענע,
וואָס אין זיין ליד,
ווי אויף שנירן ליכטיקע צעהענגט ער.

נאָר מיינען זאָל ניט קיינער,
אַז עס זינגט זיך גרינג,
אַז עס פליט די פען —
א זינגענדיקער שטשיגל...
ווי אָדלערדיק עס זאָל דאָס האַרץ
ניט טאָן אַ הויב זיך, אַ צעשווינג.
איז די פען —
ווי ביַי אַן ערשטלינג און דער האַנט,
וואָס ביי יעדן אופשטייג צו אַ הויך,
מוז ער אויפסניי אַ פּרוּוו טאָן
זיינע, וויפל מאָל שוין, אויסגעפּרוּווטע פליגל.

ווען...

ווען איז אַ דיכטער מאָדערן —
אין פּלאָנטער פון ווערטער־ווירוואַרן ?
ווען מען האָרכט
און מען קען ניט דערהערן
ניט דעם פידל פון טרייסט
און ניט דעם טרומייט פון געפאַרן ?

ווען איז אַ דיכטער מאָדערן —
ווען אַלץ איז אין פּעטליעס דערוואָרגן ?
ווען ווייט פון דער ערד,
ווי אַ שטערן,
ער פינקלט,
נאָר די גלוט, דער ברי פונעם פייער,
בלייבט און דער טיפקייט פאַרבאָרגן ?

ווען איז אַ דיכטער מאָדערן —
ווען ער היט זיך פון ווייכע קלאַנגען ?
ווען ער באַמיט זיך
די גראַמען פאַרווערן —
דער מוזיק פון זיי און די ריטמען.
וואָס זיינען דאָס האַרץ פון געזאַנגען ?

ווען איז אַ דיכטער מאָדערן —
עס באַשטימען עס אָפט מאָל
די ריכטער !
ווער קען זייער מאַכט זיי פאַרווערן ? !
נאָר זיי, די ריכטער, פאַרגייען,
און עס בלייבן די זינגער,
די דיכטער.

ס׳האָט ניט ווער..

עס בלאָנדזשען ניט
די שעפסן מיינע —
זיי האָבן ניט קיין וועלדער !
זיי גריזשען גראָז
אויף וויאַלע לאַנען
אומעטיק און אָפט דערשראָקן ;
ס׳איז גרוי דער הימעל איבער זיי ;
ס׳איז ניט קיל —
ס׳איז קאַלט זיי אויף די פעלדער.

כ׳בין אַ פאַסטעך —
שפעט געקומען —
עס האָט די צייט געבראַכט מיך.
מײַנע שעפסן —
ניט קיין מומען ! —
האָבן וואָל,
אַפילו פליגל !
נאָר זיי האָבן ניט קיין שטאַלן.
ס׳האָט ניט ווער
די וואָל צו שערן —
און פון גראָזן אונטער שנייען
קען מען גיך פאַרשמאַכטן...

זינג איך ניט קיין פּאַסטאָראַלן —
פּאַשעט, ווי אייך גלוסט זיך...
כ׳פּרואוו די לאַנען זיי באַשטראלן,
כ׳לאָז קיין וועלף זיי ניט באַפאַלן —
און איך
שפּיל אויף מיין סופּילקע
און זינג אַזוי מיר ווי עס ווילט זיך
און מער נאָך — ווי עס מוז זיך.

כ׳טו אַמאָל...

כ׳טו אַמאָל
מיט ווערטער זיך אַ לייכטן שפּיל,
נאָר איך זוך מיט זייער בלישטש ניט
עמעצן אין הויף מיינעם פאַרנאַרן;
ווערטער
זיינען די מעלאָדיעס פון מיין געפיל,
עדות פון מיין טראַכטן,
לאַנגע, בונטע סטענגעס
פון מיינע מעמואַרן.

ווערטער
זיינען יעדן דיכטערס אינסטרומענט.
און אויב עס איז אים טייער,
היט ער אָפּ
פון זייער קלאַנג דעם ריינעם ציטער —
און שטענדיק איז עס
אין דעם זינגערס האַרץ געווענדט:
ערלעכקייט
צי אָנשטעל,
צי צעבליצטער, פלאַטערדיקער פליטער...

ס׳ציט די פּען ניט אײנמאָל
צום ניסיון —
צום פֿאַרפּירערישן פּלירט;
מוז מען, װי אַ פֿידל,
היטן זי און סטראָיען
און האָרכן
װאָס דער אויער פֿון געװיסן פֿאָדערט,
װאָס די דינסטע סטרונע פֿונעם האַרץ דיקטירט.

יאָ, כ׳האָב ליב אַמאָל
אַ לײכטן שפּיל טאָן זיך מיט װערטער,
נאָר שטענדיק
רוט אויף מיר מײן שטרענגער בליק
און ער לאָזט מיך ניט פֿאַרגעסן
אַז אויך זי
קומט פֿון מײן טונקל־שװערער טיף —
אָט־די לײכטע, גרינג־צעפֿלאַטערטע מוזיק.

איך גיי און איך גיי

איך גיי און איך גיי
און בין — וואהין שוין דערגאַנגען — ?
צו מײַן בענקשאַפט
וועל איך שוין ניט דערגיין.
כ׳בין איינגעהילט
אין בלומען
און דערנער פון געזאַנגען;
כ׳פאַרשטיי זיך גוט —
און הויב ניט אָן זיך צו פאַרשטיין.

כ׳האָב זיכער ניט דערגרייכט אין לעבן
נאָענט פון דעם, וואָס כ׳האָב געוואָלט;
כ׳האָב אין גייעג נאָך ברויט
און אין גייעג נאָך ליבע
צופיל נעכט געפּאַטערט,
צופיל טעג אַוועק געגעבן —
און פאַרן ברויט
און פאַר דער פרייד
האָב איך מיט שווייס
און צער באצאָלט.

כ׳בין שטענדיק
אַ צווייאיקער געוועזן —
א מין טאָפּלגענגער:
איינער האָט געפּיבערט,
דער צווייטער
האָט געקוקט און האָט געהיט...
כ׳האָב זיך פאַרברענט
אין מיינע ליבעס,
נאָר, ווי פון אַש, דער לעגענדאַרער פויגל.
אזוי האָב איך זיך אויפגעהויבן
מיט דעם אָטעם
און דעם האַרצקלאַפּ
פון מיין ליד.

און ס׳ליד —
צי דומפּיק־שווער,
צי העל עס האָט געקלונגען,
איז מיין טרייסט געבליבן
און געהאַלטן מיך אַריינגערינגלט
אין די הייסע רינגען פון מיין צייט;
כ׳האָב אַלץ פון זיך אַרויסגעזונגען
און בין קיין מאָל
צום דעם דרויסנדיקן לעבן
ניט געבליבן גלייכגילטיק
און ניט געבליבן צו אים ווייט.

ליגן הינטער מיר שוין
ווייטע האָריזאָנטן,
נאָר געבליבן בין איך
א צעטיילטער
און מיין טאָפּלגענגער
ווענדט ניט אָפּ פון מיר דעם שטרענגן בליק —
און ער היט
די ליבשאַפטן, וואָס זיינען מיר צום ליבסטן.
און דאָס ליד מיינס —
די באַנייענדיקע טרייסט
און זיינע דיסאָנאַנצן —
און אין זיי
די האַרמאָניע פון מיין מוזיק.

לידער

לידער רייסן זיך אַרויס
פון דעם באַהאַלטענעם,
דעם אין־זיך־פֿאַרשטיקטן
און וועבן זיך צענויף אין וואָרט און קלאַנג;
דאָס, וואָס איז געלעגן
אין די דומפּיקייטן, אין טונקלקייטן איינגעוויקלט,
גראַבלט זיך אַרויס צום ליכט
מיט אַן אייגענעם, פֿאַר׳עקשנ׳טן פֿאַרלאַנג.

זאַפּטן טיפֿע, ניט־געאַנטע,
זוכן זיך אַ וועג דורך לאַבירינטן
און קלאַמערן זיך אין יעדן פּיצל שטראַל
וואָס דרינגט אַריין דורך דינע שפּאַלטן;
אויף אָדערלער פֿאַרפּלאָנטערטע, צעקרימטע,
דערגייען זיי
צו אַ דרויסנדיקן זיך געשטאַלטן.

און וואָס ס׳איז דאָרט באַשערט זיי —
אַ גוטע צי אַ שלעכטע מערכה —
ווערט דער גורל זייערער
אין ראַם פֿון ליד פֿאַרזיגלט:
צי ס׳וועט ווערט זיין
זיך אַליין אין זיי צו זוכן?
צי וועט עס זיין אַ ראַם בלויז
אָן אַ שפּיגל?

ניט געענדיקטע

כ׳האָב לידער אָנגעהויבן שרײַבן —
גאָט ווייסט וויפל!
און געלאָזן זיי
אין אַ ניט־פאַרענדיקטן אינמיטן,
ווי ס׳וואָלט עמעץ
די סטרונעס פון אַ שטראַל
מיט אַ פּלוצומדיקן בלאָז פאַרלאָשן
און דאָס פליסן פון אַן עלעקטערישן שטראָם
מיט אַ פינגער־דרוק אַ מיסטעריעזן אָפּגעשניטן.

אָנגעהויפטע
ליגן זיי, די ניט־דערזונגענע, אין שופלאָדן
און וואַרטן —
אפשר וועל איך זיך נאָך זיי פאַרבענקען;
אפשר — אין אַ שעה אַ האַרבער, צי אַ צאַרטער —
וועט עס מיך צו זיי אַ צי טאָן
און ס׳וועט צעוועקן זיך אין האַרץ
אַן אָפּגעהאַקטער ניגון
און, ווי פּעטאַלן אין אַ קנאָספּ,
עס וועלן זיך צעעפענען די בלומען פון געדענקען.

ס׳טרעפט אַמאָל —
ס׳פאַרטשעפּעט זיך דאָס אויג
אין אַ פערז אַזאַ, אַ שורה,
און ס׳טוט עפּעס אַ שניט —
אַ גרויער דאָרן,
צי אַ ליכטיק מעסער־קלינגל:
ווי קומט צו מיר
אַזאַ טאָן אַ פאַלשער אין אַ ליד?!
און פאַרוואָס
פאַרוואָס האָט אָט־דער ריינער קלאַנג
זיך אויסגעלאָשן פלוצים
און ניט געקאָנט זיך ביזן סוף דערזינגען?!

און כ׳לאָז עס ליגן, דאָס ניט־געענדיקטע —
אַ פונק אַ לעבעדיקן —
אויף מײַן טיש
און וואַרט
עס זאָל אַ פלעמל נעמען פון אים שלאָגן...
און אָפט, אין שפּעטע נעכט,
עפּעס טוט זיך אַ צעריר,
עפּעס טוט זיך אַ צעבלישטש —
און, ווי אַ געליבטער דורך דער נאַכט,
איך טוליע צו דער אויפגעוועקטער גלוט זיך,
ביז אין די גרויע שויבן
דער נײַער טאָג הויבט אָן צו טאָגן.

געבענטשט...

געבענטשט איז דער זינגער,
וואָס אַ פּויק
דיקטירט אים ניט
דעם אינהאַלט פון זיין ניגון,
וואָס ס'איז זיין ליד
ניט אייגעשנירט
אין דעם צוואַנגגזשאַקעט פון פּאָנעץ!
וואויל איז אים,
וואָס אין זיין מאַרשרוט,
צו זיינע זיגן,
דאַרף ער ביי קיינעם
קיין פּאַספּאָרט ניט מאָנעץ!

צי הויכגעוועלבט עס איז זיין ברוסט,
צי פּליסט זיין קול אַ ציטערדיקס
פון ניט צו שטאַרקע לונגען
אַבי זיין ליד איז
פון זיין האַרץ דער מוז!
אַבי ס'האָט קיינער עס געשענדט
און אין וואַרגנדיקע פּעטליעס
עס אַריינגעצווונגען!

געבענטשט איז דער, וואָס זינגען קען ער
לויט זיין קראַפּט
און וועבן זיינע לופטשלעסער
און בויען זיינע בריקן!
אַבי נאָר אונטער הימלען
פריי פּאַר זיין באַשאַף,
ווו קיינער
קען זיין וואָרט — זיין לעבנסדעך —
ניט אויסלעשן און ניט דערשטיקן.

איך וואַרט ניט

דער קוואַל פון מיינע לידער
ריזלט אין מיין האַרץ מיר
און ער ריזלט דורך דער זיפּ פון מיין שכל.
כ׳בין קיינעם ניט שולדיק —
פאַר דעם, וואָס איך זינג,
פאַר דעם, וואָס איך שפּיר,
קיין: דערפאַר און דערפאַר...
קיין: איך בעט אייך — זייט מוחל!

וואָס יאָ
און וואָס ניט
פאַרן ליד איז אַ טעמע —
ווער פאַרשרייבט די רעצעפּטן?!
ביי מיר
קומט דאָס ליד
פון אַ מאָדנעם־מין קלעמען...
איך וואַרט ניט
די שטימונג זאָל יערן און יערן
ביז צום פאַרגיין...
צום פאַרוועפּן...

צי יערט עס באַהאַלטן
ערגעץ טיף ווו אין מיר —
יאָרן שוין, גאָט ווייס ווי לאַנגע?
קאָן זיין!

נאָר דעמאָלט,
ווען ס׳בעט זיך,
ווען כ׳פיל דעם צעריר,
ווייס איך:
ס׳איז פונעם קוואַל
פון מיינע געזאַנגען.

צי איז עס אַ נעכטיקער,
אַ ווייטער מאָטיוו,
צי אַ היינטיקע בשורה, אַ ווילדע —
כ׳דערפיל פונעם ליד דעם גלי
אין דער טיף,
צי איז עס אַ שטורעם, וואָס וועקט עס,
צי ביי אַ ברעג ערגעץ
ווינטעלעך מילדע...

צי וועט אים באַשערט זיין,
מיין ניגון, מיין ליד,
אין ווייטע צוקונפטן קלינגען — ?
זאָל אים באַשערט זיין —
וואָס ס׳וועט זיין אים באַשערט...
און מיר:
ווי איך זינג,
נאָך ווייטער און ווייטער צו זינגען.

קומט

קומט,
לאָמיר זיך באַהאַלטן הינטער רוישנדיקע ווערטער,
זיי זיינען שאָטנדיקער און געדיכטער
פון אַ נאַכטיק־מיסטעריעזן וואַלד;
זיי זיינען טונקעלער פון נאָרעס און פון היילן;
זיי קענען שווייגן,
ווען עס דאַכט זיך — זיי דערציילן...
זיי קענען שפּרודלענדיקע פינקלען
און זיין ווי שטיינער האַרט און קאַלט.

קומט,
לאָמיר זיך איינוויקלען
אין אָט־די דזשונגלישע געפלעכטן,
און זיי פאַרוואַנדלען אין וואוואַלן
און שוועבן אין זיי דורכן רוים;
לאָמיר צודעקן די אמתן
די העסלעכע און די פאַטאַלע —
און לופטיק זיי צעבלאָזן
אין אַ שימערירנדיקן שוים.

קומט,
מיר זיינען דאָך די דימענט־שלייפער,
די נאָקטורנע אַלכעמיסטן,
מיר ווייסן דאָך
פון אַלע איידלקייטן דעם באַשייד;
מיר זיינען דאָך די באַפליגלטע,
די זילבן־קבלהיסטן;
מיר קענען אַלע דינינקע נואַנסן
אין דער קונסט פון באַלאַנסירן זיך
אויף די זיידן־פעדעם
פון וואָרט־מיראַזשן און פון צויבערדיקע רייד.

קומט,
לאָמיר אין באַהעלטעניש זיך שפּילן
מיט דעם זשוזשענדיק־פאַרהוילענעם,
מיט דעם מיסטישן אוראַלט;
לאָמיר זיך אין וואָרט־טומאַנען,
ווי אין גרויע שאַלן הילן,
לאָמיר זיך אין זיי באַהאַלטן —
זיי זיינען שאָנדיקער און געדיכטער
פון א נאַכטיק־מיסטעריעזן,
אַ מיט סכנות־אָטעמדיקן וואַלד.

שפּעט־זומערדיקע שוואַלבן

לידער שוועבן איילנדיק אין מיר —
פֿאַרשפּעטיקטע, שפּעט־זומערדיקע שוואַלבן —
איך לאָק זיי מיט מיין פּען אַריין
אין ווייסע פּאַסטקע־שטייגלעך פון פּאַפּיר
און גרייט בין איך פּאַר זיי
מער אַ סך
ווי נאָר דעם שלאָף פון מיינע נעכט צו האַלבן.

אומגעריכטע דערהער איך זייער זשום,
און אויב איך בין ניט וואַך —
בלייבן זיי אויף אייביק מיר פאַרלוירן;
אַ גאַנצע אייביקייט האָבן זיי — גאָט־ווייס־ווו — געוואַרט,
איך זאָל אַריינהויכן
מיין נשמה־דעך אין זיי
און זאָגן: ווערט געבוירן!

שוואַלבן מיינע,
פייל־פון־בויגנדיקע,
באַפילגלטע — מיט וואָס?
ניט פעדערלעך —
מיט אפשר צופיל בלייען?!
אין מיינע ווייסע שטייגן
האַלט איך אייך פאַריגלטע,
מיט אַ צאַנקענדיק ביטחון־ליכטל,
אַז קומען וועט פאַר אייך
אַ פרילינג־טאָג אַזאַ
און ער וועט אייך באַפרייען...

איך שרייב

איך שרייב און איך שרייב —
כ׳האָב קיינמאָל אַזויפיל ניט געשריבן.
ס׳איז ניט קיין צייטפאַרטרייב.
ס׳איז האַרבסט.
ס׳איז אַן אַסיפה איינגעקליבן...
ס׳איז ווינטער־ווייץ
פאַרזייטער אונטער הימלען גרויע;
ס׳איז — ווער ווייסט? —
אַ לעצטער פלייץ
איידער עס פאַרמאַכן זיך די שעפערישע טויערס.

צי וועלן אויפגיין,
צי וועט דרעשן עמעץ מיינע זאַנגען,
צי וועט מיין ברויט געראָטן?
איך בין צו קיין קראָטן־וואַרפער ניט געגאַנגען,
כ׳האָב זיך מיט קיין נביא ניט באַראָטן...

כ׳בין אויף מיין פעלד
נאָך אַלץ אַ זייער און אַ שניטער
און אַרום מיר
די תבואה־קערנער שפּרייט איך —
איך פרעג ניט:
וואָס וועט זיך מאָרגן
אויף מיין פעלד צעצוויטען,
פאַר וועמען שנייד איך היינט
און פאַר וועלכן פרילינג גרייט איך...

קום, זינגער

קום, זינגער מיינער,
לאָמיך דיך ארומנעמען
און דיר אויסקושן
דיינע קלוגע, אומעטיקע אויגן!
איך שווים אויף דיינע
בלויע וואָלקנס אויך
און איך וויג זיך אויף דיין רעגנבויגן.

איך האָב מיין האַרץ
אין דיר דערקענט;
דעם ניגון מיינעם
אין דיין פאַרכישופטער באַנדורע —
דו ביסט דער ווירטואָז
אויף אונדזער אונסטרומענט
און איך
אַ זינגענדיקער שאָטן
אין דיינע פערל־שטראַלנדיקע שורות.

וועלכער וועטער־נביא

אין קלימאַט פון דיכטערס וועלטן
וועלכער וועטער־נביא
קאָן לײַענען די הימלען
און זאָגן אויף פאָרויס
וואָסער טאָג ס׳וועט מאָרגן זיין...
ווער ווייס מיט וואָס
עס קען זיך פלוצים דאָרט צעווימלען,
וואָס עס קען פאַרלעשן אַלע שטערן
און וועלכער ווינט
עס קען אַ פונק צעבלאָזן
אין אַ פייער־ים,
צי אין אַ דימענט־פינקלענדיקער שיין — ?

אין קלימאַט פון דיכטערס וועלטן
וואו עס זיינען אַלע פאָליוסן פאַרמישט,
שטויסן די נאַטור־געזעצן זיך צענויף
אין קידער־ווידער —
בלומען קענען וואַקסן דאָרטן,
וואו עס שווימען אויף די פלאַכן טויטע פיש;
טייכן קענען טרוקן ווערן אין איין שעה
און וואָראָנעס קענען זינגען לידער.

דאָרטן קען אַ האַרץ צעשמאָלצן ווערן
אין דער קעלטסטער ווינטער־נאַכט
און ס׳קען זיך אין אַ טרוס

א העלדן־מוט צעבליען;
אין קוילן קען פאַרוואַנדלט ווערן
דאָס גאָלד פון רייכסטן שאַכט
און פון אַ פראָסטער קרענעצע
קאָן מען פעסער פולע
מיט וויינען טייערע
מיט צעשפרודלטן שאַמפּאַניער ציען.

אין קלימאַט פון דיכטערס וועלטן,
אין גן־עדנדיקן גיהנום־לאַנד —
וואוינען מכשפות און מלאָכים;
גאָט האָט דאָרט אַוועקגעלייגט
דעם צעפּטער פון זיין האַנט —
און זאָלן זיי רעגירן,
די פינצטערע ניט־גוטע,
און ניט זיי די ליכטיקע שרפים...

שאַ, איך הער עפּעס אַ רויש —
אַ רוים־שיף אפשר?
צי אַן עראָפּלאַן?
צי אפשר בלויז אַ שוואַרעם בינען?
אַ שטורעם אפשר?
אַ ווילדער אורוגאַן?
איך טו אַ דריי דאָס קנעפּל
פון דעם אָנזאָג־אַפּאַראַט
און הער פון סטאַטיק דעם געזשום —
און שטיל,
כ׳קען גאָרניט ניט געפינען.

דער מעטאַפּאָר

כ׳האָב ליב אין ליד דעם הויכן מעטאַפּאָר.
ער גיט דעם אויבנאויפיקן
די העט־ווייטערדיקע טיפן;
ער איז מיט פלאַכקייט ניט קיין פּאָר;
ער איז אַ דימענט
פון אַ מייסטערהאַנט געשליפן.

ער גיט דעם רויען איידלשטיין
דעם שטערן־שטראַל
וואָס אין זיינע נעפּלען
ליגט באַהאַלטן;
ניט יעדן דיכטער איז באַשערט
צום הויכן מעטאַפּאָר דערגיין,
ווי ניט באַשערט איז
יעדן מיט אַ הויכן וויסן
די מיסטעריעס פון קאָסמאָס אויפצושפּאַלטן.

כ׳האָב ליב צו גראָבן אין דער טיף
און — אויב איך מוז —
אויך מיט פלאָנטערס און ווירוואַרן
זיך צון באָרען.
ווער ס׳האָט ליב
צו דראַפּען זיך אויף בערג,
צום הויכן פעלזן־ריף,
איך האָב ליב
דערגרונטעווען די טיף
פון הויכע מעטאַפאָרן.

אין וואָס מיר גייט

צי אויף אַ פידל שפּיל איך,
צי אויף אַ קאַטערינקע,
צי אויף אַ פּראָסטן פּאַסטוך־פייפל
לידער מיר איך פייף —
היט איך זיך,
אָ, איך היט זיך,
פון אָנשטעל,
פון פּודער און פון שמינקע,
און איך וואַש מיר מיינע ליפּן
מיט אַ רויער און א בריענדיקער זייף.

צי זוך איך העכערע אָקטאַוון,
צי אויף פּיאַניסימאָ
ס׳באַמיט זיך מיין באַריר —
אַבי נאָר איך באַפינקל ניט
מיט קאָנפעטי־שטערן
מיינע זינגענדיקע כתבן,
אַבי כ׳האָב ניט פאַרשוואַרצט דאָס פּנים
פונעם ריינעם בייגעלע פּאַפּיר.

עס גייט מיר ניט
און זיין אַ גרויסער צווישן גרויסע
און ניט אין פילן,
אַז איך בין אַ ווירטואָז...
נאָר דעם אמת
בין איך שטענדיק אויסן
און שטענדיק
זוך איך אינעם ליד
זיין אומבאַדינגטע מאָס.

כ׳מוז זיין אַליין
דער וועגער און דער מעסטער,
צי שפּיל איך אויף אַ פּראָסטן,
צי אַ ראַפינירטן אינסטורמענט...
ניט אין דעם,
צי כ׳בין צווישן די גרעסטע,
ניט אין דעם איז מיר געווענדט.

דאָס ליד אַליין
פון מיר די מאָס וועט מוזן נעמען...
און "מוזן"
איז אויך צו שטאַרק אַ וואָרט.
איך האָף:
עס וועט מיין ליד מיך ניט פאַרשעמען
און צווישן זינגער ערלעכע
לאָזן אויך פאַר מיר אַן אָרט.

איך טראַכט

איך טראַכט:
אויף וועלכן וועג זאָל איך נאָך גיין
פונעם וועג, וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן?
איך בין ניט פון יענע,
וואָס זיי בלײַבן שטיין
וואָס זיי פילן:
זיי האָבן אַלץ
אין זייער וואַנדער־טאָרבע שוין אריינגעקליבן.

עס טרעפט —
איך ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט זיך,
צי אפשר שרעק איך זיך אַפילו,
וואָס עס הערט ניט אויף
דאָס נאָגן און דאָס ציען מיך,
ווי איך וואָלט נאָך זיין אַ ייִנגל,
אין אַ וועלט אַן אַנדערער,
אין אַ לאַנג־פאַרשוואונדענער קהילה.

איך האַלט די פען
מיט אומרו אין דער האַנט
און הייסער היינט ווי נעכטן,
דאַכט מיר איז איר פיבער;
כ׳בין ווי אַ פויק־פעל
אויף אַ ראַם געשפּאַנט,

און אַלץ אין מיר
איז אַן אַלאַרמרוף,
איז בענקשאַפט,
פרייד און ביטערקייט און ליבע.

אַוואַדאי ווייס איך
וואו איך האַלט:
ס׳האָט יעדער זמן
די אייגנקייט פון זיינע פאַרבן;
ס׳איז פון דער צייט
ניטאָ קיין אויסבאַהאַלט
און אַלץ, וואָס האָט געבליט אַמאָל
מוז מיטן האַרבסט און מיטן ווינטער שטאַרבן.

נאָר דאָס
איז שטענדיק פון מיר ווייט,
ווי איך זאָל דערפון מיט זיכערקייט ניט וויסן;
כל־זמן עס פיבערט נאָך דאָס האַרץ —
איז זומערצייט!
און — ווי אין אַ זיסן, האַרטן עפּל,
בלייבן מיינע ציין אין אים אַריינגעביסן.

באַווירקונג

איך לייען אַמאָל אַ בוך,
אַ ליד —
און אין קאָפּ
כ׳הויב אָן אַליין צו שרייבן;
עפּעס האָט אַ ריס געטאָן
אין האַרץ, אין דעם געמיט,
און דאָס געלייענטע
פּלייצט אַריבער מיר
און שלעפּט מיך צו אַן אַנדערשקייט —
צו אַ ווייטערדיקן טרייבן...

ס׳גייט אויף און מיר —
אַמאָל פּאַרדראָס,
אַמאָל אַ פרייד;
איך רייס זיך קעגן שטראָם,
וואָס האָט מיך געקענט אַזוי צערירן;
איך זוך,
ביים פרעמדן,
אַן אייגענעם באַשייד,
וואָס מאָנט מיך
אויף וועגן אייגענע אים פירן...

און לידער
ווערן אויך אַזוי געבוירן —
דיכטער וועלן זיך דערמיט ניט שעמען —
באַפּרוכפּערטע פון דעם און יענעם...
באַפּרוכפּערטע
ווער ווייס פון וועמען — ?

מעג זיין...

מעג זיין דאָס האַרץ
אַ זינג־פויגל,
מעג עס זיין
מיטן בעסטן ווין אַ קריגל —
עס ווייס דער קאַלענדאַר
ניט פון קיין חניפה:
די בלעטער זיינע פאַלן
און ער שטעמפּלט יעדן טאָג דאָס לעבן
מיט זיין זיגל
און ער ברענגט אריין אין יעדן טאָג
אַ נייעם ציפער.

די לידער — זיי טראָגן זיך
אָט וואָלקן־שווערע, אָנגעלאָדענע און גרויע,
אָט פרילינדיק־צעפלאַטערטע, בונטע שמעטערלינגען;
נאָר וואָס ס׳זאָל ניט אַ שפרונג טון פונעם קאַלענדאַר,
פון זיין באַהאַלטענעם, שוואַרץ־ציפערדיקן לויער —
ווערט קלאַנג דערפון
אין מיר —
א נאָטע, וואָס זי צווינגט אַריין זיך אין מיין זינגען.

איך וואַרט שוין ניט מיט אומגעדולד
אויף הויכן גליק
אויף טיפער פרייד —
נאָר קומען זיי,
בין איך זיי אַ געליבטער,
אַ צייטיקער, אַ צאַרטער,
אַזאַ, וואָס ווייס שוין און פאַרשטייט,
אַז ווײַלן וועלן זיי ניט לאַנג...
און פאַרגייען זיי —
בלייב איך ניט קיין ביטערער,
קיין אָפּגענאַרטער.

מעג זיין דאָס האַרץ אַ קינד,
אַ לייכטזיניק ניט דערוואַקסן יינגל;
מעג עס זיין אַ חכם צי אַ נאַר —
וואָסער קלאַנגען ס׳זאָלן אין געמיט ניט קלינגען
סייווי — וויסן דאַרף מען:
דער קאַלטער חשבון
בלייבט אַריינגעשטעמפּלט
אין די שוואַרצע ציפערן פון קאַלענדאַר.

איך קען ניט זאָגן...

צי זיינען אַלע ווערטער
הינטער מיר
נאָך מיינע — ?
צי זיינען אַלע מיינע לידער
מיר נאָך נאָענט היינט — ?
מסתמא ניט.
נאָר כ׳קען צו מיר אַליין
ניט קומען מיט קיין טענהס.
איך קען ניט זאָגן:
מיט אָט־דעם וואָרט,
מיט אָט־דעם ליד
האָט אָנגעהויבן זיך דער שניט.

כ׳בין פול מיט קידערווידער;
כ׳בין פול מיט ווידערשפּרוכן —
און אַלע מיינע לידער
בענקען און זיי זוכן...
ווי כוואַליעס
אין אַ ווינט־צערירטער בוכטע,
כ׳בין אַ פּולער
מיט אַראָפּן מיט אַרויפן,
און ווי זיי, די כוואַליעס.
שטויס איך זיך מיט מיר אַליין צענויף.

עס פּאָרט דאָס לעבן ניט
אויף גוט־געשמירטע אַקסן;

די רעדער סקריפּען און זיי הורקען
איבער שטיינער, איבער הרודעס,
און עס קרעכצט
די גאַנצע, שווערע פור.
מען גייט פאָרויס,
מען שלעפּט זיך — עס וואַרטן ניט קיין צופיל סודעת...
און פאָרט מען וואַקסט.
נאָר מען קען אַליין זיך ניט אַריבערוואַקסן
און באַשטימען מיט באַשטימטקייט:
דאָס איז יאָ
און דאָס איז ניט מײַן שפּור.

ווייס איך ניט —
צי זיינען אַלע ווערטער הינטער מיר
נאָך מיינע?
צי האָב איך געזונגען טאַקע דאָס,
וואָס איז געחתמעט מיט מיין נאָמען,
וואָס איז מיינס אַ וואָרט, אַ ליד — ?
ניין,
איך קום צו זיך ניט
מיט קיין שטראָפנדיקע טענות,
איך ווייס:
כ'האָב קיין מאָל
ס'האַרץ מיינס ניט פאַרראַטן!
איך ווייס:
כ'האָב שטענדיק
דאָס געוויסן מיינס געהיט.

גלאָז־גלאַנץ

שימער־גלימער... פלאַטער — פליטער...
פון גאָלד־פּאַפּיר געמאַכטע שטערן;
אויסגעטראַכטער צאָרן־ציטער,
אויסגעפּוצטע ליבע־טרערן;
פּאַטשערקעס פון גלאָז קאָלירטן;
סטענגעס בונטע פון יאַרידן;
בליטטש און בליאַסק און
ערזאַץ —
ניט שלעכט פּאָלירטער —
אָבער ניט קיין עכטע לידער...

קען עס קלינגען,
ריידן אויכעט;
קען עס שאַפן זיך אַ נאָמען!
ווישט מען אָבער נאָר דעם הויך אָפּ —
וואָס־זשע בלייבט פאַר דער נשמה — ?

ס׳איז אַ רום
אויף פּאָוויטיניע;
ס׳איז אַ לופטשלאָס
אָן אַ באָדן —
עפּעס בליצט אין אַ וויטרינע...
פול מיט גלאָז־גלאַנץ אָנגעלאָדן...

זיי נווייסן

פייגל דאַרפֿן זינגען אין אַ גאָרטן,
אין די הימלען,
אין אַ וואַלד —
וואָסזשע טוט מען אָבער
ווען אַוועקגעפֿלויגן זיינען
סיי דאָס קליינוואַרג,
סיי די ווירטואָזן?!
ס׳ווערט אין האַרץ אַביסל קאַלט
און מען זיצט אַן אומעטיקער
אויף די שיטער־וויאַלע גראָזן.

אין די אַלטע סאָסנעס
וויינט דער ווינט
ווייל די נעסטן זיינען ליידיק —
וואָס׳זשע זאָל מען טאָן אַצינד,
אין די קורצער, אָסיענדיקע טעג,
מיט דעם ערב־ווינטערדיקן ווייטיק?!
פֿונעם וואַלד, אויף סאָסנע־קעפּ,
די צווייגן הענגען איינגעבויגן־שווערע,
אַ כמאַרע איבער זיי —
אַ גרויער קרעפּ —
און זיי קוקן דורך זיין טרויעריק געוועב
און זיי זען —
און זיי ווייסן —
וואָס פֿון אַלץ וועט ווערן...

און אַנדערע לידער

ווען איך וועל שוין זיין...

ווען איך וועל שוין זיין
אַ גרעזל,
אַ וואָלקן־פּינטל,
אַ בלעטל —
וועל איך אַלץ זיך נאָך רירן
און שוועבן,
וועל איך אַלץ
דאָס לעבן נאָך גלעטן.

ווען איך וועל שוין זיין פאַרקנאָטן
מיט דער ערד,
מיט דעם שטויב
פון מיין אייביקן בעטל,
וועט מיין געביין
צו די ליימען זיך טוליען
און די געליבטע, די אייביקע גלעטן.

ווען איך וועל שוין זיין
אַ בלוט־טראָפּ —
אויב אַזוי וועט מיין גלגול באַשערן —
אין עפּעס אַן עלנטן בעטלער,
וועל איך אַלץ נאָך
ברומען אַ ניגון
און ס׳ברויט דאָס אָרעמע גלעטן.

וואָס פון מיר זאָל ניט ווערן,
וועל איך זיין —
ניט געזען, ניט געהערט, ניט געבעטן —
מיט אַלע
אַלצדינגען
און וועל ניט אויפהערן
ס׳לעבן צו גלעטן
און וועל ניט אויפהערן
לידער צו זינגען.

ביים רינדל

דאָס ברומט אַזוי דער ווינט ניט,
דאָס זינגען ווייט ווו גויים;
ערגעץ האַווקען הינט,
נאָר דאָ ביים שטילן ריִנדל
פייפט אַ יונגער שגץ
דאָס פערד זאָל בעסער פאָיען.

עס שפיגלט זיך דאָס פערד
אין קאַלטן רינדל־טייכל
און עס טרינקט פאַוואָליע
און פאָכעט מיטן עק,
און אין דעם רינדל־וואַסער
די לבנה שמייכלט,
ווי זי וואָלט אויך געוואָלט
פון דעם קוואַל דעם ריינעם
טון אַ קליינעם לעק.

און איך, דאָס קליינע יינגל,
וואָס טו איך דאָ ביים רינדל
אין דער מאַיִק שטילער נאַכט?
כ׳דענק שוין ניט אַצינדערט
וואָס ס׳האָט מיך צום שגץ
אין צו דעם פערד געבראַכט...

ביים רינדל

אפשר האָט זיין פייפן
געצויגן מיך צום רינדל?
אפשר אויסגעזוונגען האָט ער אויך
אַ נאָגנדיק, אוקראַיניש ליד?
איך האָב אים געקענט
און ס׳פערד זיינס אויך דאָס בלינדע —
עס האָט געדרייט אַ קיררעד
ביי אַ שכנותדיקן ייד.

איך געדענק די זיסקייט
אין דער לופט דער פייכטער
און אין דעם שעפטשען
פונעם וואַסערדיקן פליושק;
דער שגץ האָט ביים פייפן
עפּעס אומעטיק געשמייכלט —
און אַ ציטריק־צאַרטע אינעם וואַסער־שפּיגל
די לבנה האָט דעם פערדל
דאָס דאָרשטיקע
דאָס וואַסער־טריפנדיקע מויל געקושט.

ערשטער קנאָספּ

איך האָב באַרירט אַן ערשטן שפּראָץ —
אַ קנאָספּ נאָך ניט צעעפנט —
אויף אַ צווייגעלע אַ ברוינער ניפּל...
און ס׳האָט דער פרילינג
מיך געטאָן צוריק אַ שלעפּ
אַהין — וווּ כ׳האָב צום ערשטן מאָל
אַ ברוסט באַרירט אין תּאווה
און ס׳האָט אַ שפּראָץ אַזאַ
געבריט מיר מיינע ליפּן.

איך האָב געזען —
עס גליען אויף צוויי אויגן
אין אַ פּנים,
וואָס איך וויל עס ניט דערקענען...
מיר ליגן אינעם יונגן גראָז —
צוויי פייכטע סטויגן —
צי סמאַליען מיר...
צי ליגן מיר דערשראָקענע, פאַרקילטע...
אַלץ איינס
מיר צינדן זיך... מיר ברענען...

מיט ליכט געבענטשטער בליט,
פון ברוינעם שאָלאַכץ נאָך אַרומגענומען,
אָט — און דו וועסט אויפגיין
אין דער בלויקייט,
אין דער פאַרביקייט פון יונגן צוויט —
און גאָרניט
וועט דיך ראַטעווען שוין מער
און דיך באַשיצן...
נאָר גאָט, ווי וווּנדערלעך עס איז
וואָס דו ביסט אָנגעקומען!

איך גלעט זיי מיטן אויג —
די צווייג, דעם קוסט,
דעם ברוינעם קנאָספּ —
און ס׳האַרץ איז פול
מיט ניגון און מיט גוטע שפּרוכן;
און אַלץ איז, דאַכט זיך,
אויפגעפּלאָנטערט, איינפאַך, פּראָסט:
עס הייבט זיך אָן,
עס לאָזט זיך אויס...
און עפּעס איז אומזיסט די מי,
דאָס נישטערן,
דאָס זוכן...

כ'האָב ליב אַמאָל...

כ'האָב ליב אַמאָל
דעם רויש פון איבערטרייבן;
פון שאַגאַליש פליען איבער דעכער
און אָנטאָן פליגל
אויף איטלעכן געפיל —
און זאָל זיך אַלץ אין מיר אַ הייב טאָן
היפּערבאָליש־העכער
און וואַרפן זיך און פלאַטערן
אין אַ לופטיקן, באַפרייטן שפּיל.

ס'ליגן אויפ'ן האַרצן צופיל שטיינער!
אויף די פליגל־פּעכערס צופיל נעץ!
אויבן דאָרטן,
איבער כמאַרעס,
אין דער לופט דער ריינער
קען איך שטיפן מיט די ווינטלעך — —
אָט בין איך אַ קינד,
אַ מלאך,
אָט אַ ריטער,
אָט אַ פאַרשייטער, חוצפּהדיקער לץ...

און אַלע מײַנע פּײַנען
קען איך דאָרט מיר
אויסטערליש באַפּאַרבן —
זײַפן־בלאָזן,
רעגן־בויגנס,
ברענענדיקע װעלטן אינעם שקיעה־פּלאַם...
און לאַכן קען איך דאָרטן
פֿונעם פּחד פֿאַרן לעבן,
פֿאַרן שטאַרבן —
און פֿון דעם
אונטנדיקן
גאַנצן טאַראַראַם!

נאָר אַפֿילו אויבן,
אין די װאָלקנס, די שאַגאַלישע,
די איבער־דעכערדיקע הײכן,
קומט מיר דאָס געלעכטער אָן ניט גרינג.
כ׳פֿלי —
נאָר צו אָפֿט
דערגרייכן מיך
די גאַזן, די סאַזשעס און די רויכן,
און פֿאַרטשאַדען מיר דעם אויער
— און איך װײס ניט
צי איך יאָמער,
צי איך זינג...

אונטער טרויעריקע אַשן...

אונטער טרויעריקע אַשן
גליט נאָך אַלץ אין מיר
אַ פונק ביטחון
ער וואַרעמט ניט —
נאָר ער איז ניט אויסגעלאָשן
און ס׳איז אַ שטערנדל פון גלויבן
אים אַ ווינציקער,
אַ ציטערדיקער שכן.

זיי טוליען זיך —
צוויי זערנעם —
באַנגע איינס צו צווייטן:
צי וועט די צייט
צעאַקערן די ערד נאָך
און פאַרזייען זיי
אין ציכטיקע,
אין, פון ריינע גערטנער־הענט,
געפילעוועטע בייטן?

צי וועט אַ ווינט אַזאַ
זיך נאָך צעווייען
און אונטער אַש דעם פונק
ביז פלאַם צעפאָכען — ?
צי וועל איך עס נאָך אוספּייען

צו זען דאָס שטערנדל צעלויכטן,
צי װעלן זיי, די װינציקע, די זערנעס,
מיט ברויט באַלוינען נאָך אַמאָל
מיין איינגעשרומפּענעם ביטחון — ?

כ׳האָב אַ צאַנקענדיקן חלום נאָך.
פינצטער יענעם איז,
וואָס האָט אין גאַנצן אים פאַרלוירן!
ער איז דאָס שטיקל יום־טוב
אין דעם גרויען אין דער וואָכן,
ער איז דאָס וואַרעמע,
דאָס פלעמל,
דאָרט וווּ אַלץ איז קאַלט
און װינטערדיק און איינגעפרוירן.

שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן...

שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן
וועל איך אַ קוק טאָן אויפן זייגער —
עס וועלן גליווערן די ווייזערס
און אויף די נומערן ניט צייגן.
דעם ציפערבלאַט,
דעם קײַלעכדיקן, בלאַסן,
וועלן איינפאַלן די באַקן זיינע רונדע,
ווי אַ ווערעמל אַ טויטס
וועט ניט רירן זיך
דאָס דראָטעלע, וואָס ווייזט אויף די סעקונדן.
און אויב ער האָט אַן אומרו —
וועט ער זיך ניט באַוועגן,
ס׳וועט ציען אים אַראָפּצו —
נאָר ער וועט אויף זיין תליה
שטום און טרויעריק הענגען;
דאָס מעש זיינס
וועט ניט בלאנקען,
די קייט וועט זיך ניט רירן,
די צייט וועט אויף זיין פנים —
ווי אין מיינע טויטע אויגן —
אין אייביקייט פאַרפרירן.
די וועלט וועט בלייבן שטיל —

און שטילע
אַלע וועלטן!
און איך וועל אין מיין שטילקייט —
שוין מיט פאַרמאַכטע אויגן —
די שטילקייטן פאַרשעלטן.

אין די ווילנער גראָזן

כ׳שטייט אַליין דאָ אויפֿן בערגל,
אין די ווילנער גראָזן,
אַ שטילער און אין זיך פֿאַרטיפֿט.
די בלעטער פֿאַלן מוטלאָז פֿון די ביימער,
אַ האַרבסטיק ווינטל שעפּטשעט,
די לופֿט איז נעפּל־גרוי און נאַס,
אַ פֿאַרחלשטער, אַ דריבנער רעגן טריפֿט.

די נאָענטע שטאָט,
די גאַסן,
דער רויש פֿונעם פֿאַרקער
איז ווייט, ניט דאָאיִק —
ווי ס׳איז אַלץ ניט־דאָאיִק
אין אָט־דער סמוטנער,
האַרבסטיק־שווערער שעה.
איך ווייס
און ווייס ניט
וואָס ס׳האָט מיך געבראַכט אַהער;
צי האָב איך דערוואַרט
דאָ עמעצן צו טרעפֿן?
איך פֿיל —

אַ שאָטן, אַן אָפּגעריסענער פון מיר,
אַ לאַנג־פאַרשוואונדענער,
איז מיט מיר דאָ.
צי הער איך ניט,
אין בלעטער־פאַל,
אַ פליסטערן פון ווערטער?
צי הער איך אינעם ווינטל ניט
אַ ווייטן, ווייטן כליפּ?
וואָס — זינט יענער ווייטקייט —
איז געווען באַשערט מיר?
וואָס האָט מיך דערהאַלטן און גענערט
זינט יענעם טראָפּן
זאַלץ מיט האָניק אויף מיין ליפּ?

מיט וועלכע מאָסן זאָל אַ מענטש זיין עבר מעסטן?
אויף וועלכע וואָגשאָלן
זיי וועגן,
די לויטן,
צי די פונטן צער?
וועלכע מאָס
איז גרעסער פון דער גרעסטער?
וועלכער האַרץ־קלאַפּ
איז דער אָנזאָג פון געפאַר?

דער רעגן טריפט.
ס׳קלעפּן זיך די האָר מיר צו דעם שטערן.
די בלעטער פאַלן,
פּונקט ווי דעמאָלט,
נאַסע, מוטלאָזע צו דער אויפגעווייקטער ערד.
צי ברענען איצט אין מיינע מידע אויגן
דיינע יונגע, דעמאָלטיקע טרערן?
צי שטיי איך איצט דאָ,
מיט דיין שאָטן,
אַן איינגעשרומפּענער,
אַן אומעטיקער קאַרליק?
צי שטיי איך דאָ
אַן אויסגעוואַקסענער, נאָר מיט דער זעלבער אומעט־לאַסט באַשווערי

ס׳האַלט דער קילער דעמער מיך אַרומגענומען.
אַ פאַרחלשטער, דער רעגן מערטשעט
און ער פּרעפּלט און ער טריפט.
גיי ניט אַוועק פון דאַנען,
ציטערדיקער, ווייטער שאָטן —
כ׳וועל אין אַ טאָג אַזאַ
אַהער נאָך קומען
און שטיין אַזוי מיט דיר אַליין ווי איצט —
אַ שטילער און אין זיך פאַרטיפט.

עלעגיע

ערגעץ אין אַ גאָרטן, אין אַ וועלדל,
האָבן מיר פאַרגראָבן אונדזער ליבע
צווישן נידעריקע קוסטעס.
צי וועט נאָך עפּעס בליען
אויף יענער ערד, דער טריבער?
אונדזער סוד איז דאָרט פאַרבליבן —
ס׳ווייסט ניט קיינער,
וואָס נאָר אונדז באַוווּסט איז.

מיר האָבן ניט געדאַרפט קיין רידלען,
קיין שערבלעך ניט,
ניט קיין תּכריכים.
צעבראָכן האָט דער ווינט פאַר אונדז געשפּילט
אויף טרויעריקע פידלען;
דער רעגן, אַ באַהאַלטענער אין מראַקע,
האָט ניט אויפגעהערט צו שטעכן
און פון די קזשאַקעס האָט ניט אויפגעהערט
דאָס טרערנדיקע טריפן.

צי געווען איז דעמאָלט האַרבסט?
צי געווען איז ווינטער דעמאָלט?
וואָס איז דער חילוק
אין וועלכן זמן מען שטאַרבט,
אין וועלכער מידער שעה
מ׳האָט זיך אין דער אייביקייט אַריינגעדרעמלט?

פרילינג איז דאַן זיכער ניט געווען,
ס׳האָבן נאַכטיגאַלן אינעם דעמער ניט געזונגען.
בלעטער, וויאַלע, האָב איך, דאַכט זיך, יאָ געזען,
און אין דער ברוסט, געדענק איך,
איז דאָס האַרץ,
אומגעלומפערט־ווילד,
איבער זיך אַליין געשפּרונגען.

מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל
אין גסיסהדיקער אייניקייט פאַרפלאָכטן —
אויף מאַנטלען פּייכטע,
אין דער בלעטערדיקער נעץ;

מיר האָבןביידע זיך דאַן אויפגעהויבן,
ווי געשאָכטן, —
נאר דער מלאך־המות
איז אויך צומאָל אַ מאָדנער לץ!

מיר זיינען טויטע,
פונעם וועלדל נאָך אַוועקגעגאַנגען,
נאָר געבליבן זיינען מיר
פאַרגראָבן דאָרט און שטאַר;
געבליבן כ׳בין פון דאַן
אין יענער נעפּלדיקער שעה געפאַנגען —
און דו?
דו ביסט ערגעצוואו
אין רויך און פייערן פאַרגאַנגען...
און מיר גייט נאָך דיין שאָטן
און דאָס דעמערדיקע וועלדל
און אַן אייביקדיקער, נאָגנדיקער צער.

ער טראָגט אויף זיך...
(איטשע גאָלדבערגן)

ער טראָגט, אויף זיך
אַ לאַסט
אַ ליכטיק־שווערע און אַ טונקל־גרויע —
נאָר ניט איינגעבויגן איז זיין רוקן
און ס'איז ניט מיד,
ניט האַלב־פאַרמאַכט זיין אויג;
ער איז אַ דיכטער
און ער קען די האַרבע צודעקן פון טרויער,
נאָר צום יאוש
האָט זיין האַרץ ביז איצט זיך ניט גענויגט.

ער ווייסט
וואָס אין זיין לאַסט
עס ליגט פאַרבאָרגן
און ער היט זי — אַן אוצר!
וואָס איז טייערער אַ סך ווי גאָלד!
ער היט אין אים
דעם היינט, דעם נעכטן
און דעם מאָרגן —
די נשמה פון זיין פאָלק
וואָס מיט פיין און בלוט אַזויפיל אין זיין לאַנגן וועג,
פאַר זיין דויער ס'האָט באַצאָלט.

אויף אונדזער קיום־שיף
איז ער אַ קאַפּיטאַן,
אַ מאַסטבוים און אַ זעגל —
און אין שעהן שווערע,
אַ מאַטראָס אויך
ווען און ווו מען דאַרף...
און — אוי — דער ווינט,
דער ווינט,
וואָס בלאָזט אונדז טאָג־און־נאַכט אַנטקעגן,
איז ניט קיין מילדער שעפּטש,
ניט קיין צאַרטער סטרונע־ציטער
פון אַ פאַרליבטן האַרץ.

אין אונדזערן, דעם ביטערסטן,
דעם בלוטיקסטן יאָרהונדערט —
אין אַ שעה אַ גוטער —
איז ער צו זיין פאָלק געקומען
און די שיינקייטן פון אים
געציכטיקט און באַהעלט.
און דאָס אַלטע און דאָס נייע

אין סנאָפּעס קערנער־פּולע
אין מי אין ערלאַכער, צענויפגענומען
און מיט זיין ווייַן און ברויט
באַרייכערט און געזעטיקט
אונדזער וויסן,
אונדזער לשון,
אונדזער אוצרדיקע יידיש־וועלט!

זינגען אים אַ לויב היינט
זיינע ברידער
און זיי בענטשן זיינע טריט
אין זיין שווערן
און באַשווערטן גאַנג!
און אין זיין לאַסט
איך לייג אַריין
אויך מיינע לידער —
אַז שפּאַנען זאָלן זיי מיט אים,
מיט זיין אָפּגעהיטן אוצר
און זיין אייגענעם,
זיין לויטערן געזאַנג!

היינט

ס'איז אומעטיק מיר היינט אַזוי און שווער —
עפּעס ווי אַ ווינט אַ שטעכנדיקער וואָלט אין מיר געזשומעט.
איך זוך אין זיך אַן אָנהאַלט,
אַ פאַרוווער —
נאָר דער ווינטערדיקער דעמער אין געמיט
טונקלט אײַנגעהויקערט קעגן ווינט,
שטיל, אין זיך פאַרזונקען און פאַרדומעט.

צי נעמט זיך עס
פון מיר אַליין —
פון די אַגאָניעס,
וואָס קלעפּן פּיאַווקעדיקע אויף מיין עלטער?
צי פון אַ דרויסנדיק געוויין —
פון אַ כּוח עפּעס אַ מין שוואַרצן,
וואָס יעדן זמן פון אונדזער צייט,
וואָס יעדן טאָג פון איר פאַרשטעלט ער — ?

איך וויל זי ניט,
די גרויע לאַסט,
זי איז אַ נעץ אַזאַ,
וואָס איך קאָן עס ניט צערייסן...
מערער היינט איז זי, די שווערקייט,
דערווידער מיר און מיר פאַרהאַסט!
און איך — איך שעפּטשע אויס אַ ליד,
ווען אויף אַן אמת העשען וויל איך און וויל בייסן...

יעדע נאַכט...

יעדע נאַכט איך הער אַ ניגון
און איך זינג אים אויס פאַר מיר
און איך מי זיך אים פאַרזיגלען
אויף אַ בויגן ריין פאַפּיר.

ניט אין שורעס צירלעך־נעטע,
ניט אין נאָטן פון מוזיק,
ניט אין רעמלאַך פון סאָנעטן —
און אויך ניט שויבערדיק־צעפליקט...

נאָר אין ריטמען — ווי איך שפּיר זיי —
יאָ און ניט אין פולן גראַם;
קלאַנגען, ווערטער, וואָס כ׳באַריר זיי
און דערפיל פון זיי דעם טעם...

און וואָס איך זאָל אין ניגון הערן —
גליק צי שווידער יעדע נאַכט —
וויל איך זיך פון אים ניט ווערן
און איך מאָן ניט: לאָז געמאַך...

כ׳בויג צום האַרצן צו דעם אויער,
כ׳שלעפּ דאָס האַרץ צום מאַרך אַרויף —
צי כ׳דערהער פון האַרבסט דעם טרויער,
צו אַ פרילינג־שטורעם ברויזט;

צי איך הער פון ווייט אַ זשומען —
אַש פון האָראָדענקע דאָרט!
יענעם ווייטן דופט פון בלומען;
יענע טעג פון בלוט און מאָרד...

צי אַ פעלד פון ווייץ, צי גערשטן,
צי אַ גאָלדענעם פּאָפּשוי;
צי דעם קוש, דעם סאַמע ערשטן,
צי די קללה פון אַ גוי;

צי מיין מאַמעס האַנט די צאַרטע
און איר ברוינעם, ווייכן בליק;
צי אַ קאָזאַקס טריט די האַרטע,
צי דאָס קנאַלן פון אַ ביקס...

צי די פייכטע, פולע גראָזן
אונטער באָרוועס־פלינקע פיס —
צי אַ חורבה שוואַרץ־פאַרלאָזן
און פון פיין אין האַרץ דעם ריס.

ס׳איז דער ניגון פול מיט בילדער,
מיט קאָשמאַרן פול און קלאַנג;
פול מיט שיינקייט, רו און ווילדקייט...
זיס און צאַרט און ווילד געזאַנג.

און איך...

און איך
בין שוין לאַנג מיט גאָרניט זיכער —
ניט מיט דעם היינט,
ניט מיט דעם מאָרגן;
און אויב געהאַט האָב איך
מיט אַ נעכטן אַ געוויסהייט,
איז עס אויך אַ ביטערער טעות געווען,
וואָס ער דאַרף ניט בלייבן
אין אַ פינצטערניש פאַרבאָרגן.

יאָ, פאַראַן זיינען אמת׳ן,
מענטשלעך־פשוט׳ע און גרויסע,
און ס׳שטערקן זיך מיליאָנען הענט נאָך זיי,
ווי ס׳שטרעקן טרענקענדיקע זיך
נאָך רעטונגס־גאַרטלען —
נאָר פאַרשולנגען ווערן זיי
אין די בראַנדיקע צוזאַמענשטויסן
און דערטרונקען
אין די אורוגאַנען
פון די ווילדע קעגנוואַרטן...

פון וואַנען זאָל דעם מענטש
דער פעסטער אָנהאַלט קומען?!
ביי וועלכער מאַכט
זאָל ער די זיכערקייטן מאָנען?!
אַז אין די אמת'ן, די ריינסטע,
טויט מען די נשמה;
און אַז ברייט
עס זיצט דער שקר
אויף די קליינע
און די גרויסע טראָנען?!

אַ שעה אין הויכן זומער

אין אָט־דער שעה פון הויכן זומער,
צווישן בערג און גראָז און בלומען,
דרימלט, דאַכט זיך, אַלץ,
די גאָרע וועלט...
אין האַרצן זינגט און זשומעט
אַ מין אומבאַשטימטער ניגון —
אַזאַ ווי די אינסעקטן זינגען —
אין די גרין־טונקעלע אַרומען,
ווי דאָס זשומזען און דאָס זשושען
פון די בינען
און די זומערדיקע, פעטע, בלויע פליגן.

עס זעטיקט זיך דאָס אויג
און ווערט ניט זאַט:
פון ליכט און פאַרב און שאָטן;
פון דער אָזערע, דער קליינער,
וואָס גלאַנצט פאַר׳חלומט, זילבער־מאַט;
פון די שמעטערלינגען,
וואָס, דאַכט זיך,
גאָרניט אין דער וועלט
איז אין זייער פאַרבן־פראַכט געראָטן.

אין דער זילבערדיקער וואַסער־טיפקייט
שפּיגלען זיך די טרויער־ווערבעס,
ווי אייל־געמעלן
אין די אַלטע מייסטער־סטילן —
נאָר מיר
זיינען זיי אַזוי אייגן־איצטיק
און זיי וועקן אויף אין מיר איינגעשלעפערט־מעלאַנכאָלישע,
ענדלאָזע, ניט־פאַרלוירענע געפילן.

אין צייטיקער פאַרטראַכקייט
הוידען זיך די שווערע צווייגן,
צענויפגעוואַקסענע אין זיכערקייט
מיט די טיף־פאַרוואָרצלטע,
די הויכעביימער־שטאַמען.
ס'איז בלוי און קלאָר
דאָס הימלדיקע שווייגן
און ס'גלעט די זון
די זומערדיקע ערד
מיט שטראַלן־פינגער דינע,
מיט איר אייביקדיקער ליבשאַפט
צו דער אייביקדיקער מאַמען.

עפּעס אַזאַ טרויעריק רוישן הויערט אין דער לופט;
אויף צאַרטע ווינטלעך

טראָגט זיך אַ געמיש פון ריחות,
ווי פון פאַרשיידענע פערפומען,
נאָר פון היי, פון פריש־געשניטענעם,
דער דופט,
שטייגט איבער אַלע דופטן
און איז אַ צוגאָב,
אַזאַ היימיש־זיסער,
צו די ריחות פון די בלומען.

זיץ איך אַ פאַרטראַכטער דאָ,
אַ פולער מיט פאַרבענקטן שפּירן,
און עפּעס טראָגט מיך קריק,
אין אָט־דער הויך־זומערדיקער שעה
אויף יאָרן,
אויף חדשים
אויף מעת־לעת׳ן —
און אַזויפיל קליינע פענצטער זע איך
און אַזויפיל נידעריקע טירן
און געוועבן גאָלדענע
פון זומער־שעה׳ן ווייטע,
וואָס די צייט האָט ניט פאַרבלאָסט זיי,
וואָס איך וועל זיי ניט פאַרגעסן.

און לידער פון פאַרהויכטע
און פון נאָר־וואָסיקע אַמאָלן
שעפּטשען אין די בלויע רוימען
און וויגן איין מיך
מיט אַן אַלטן איילי־ליולי־ניגון —
דרימלט דאָ מיט מיר די גאַנצע וועלט
(צי וועט זי וואָס פאַרזוימען — ?)
און פרידן איז
און רו
און יעדער הויך פון שנאה
יעדע בייזקייט
איז אין אָט־דער שעה אַנטשוויגן.

אויפן בעציקל

ס׳האָט פון ים צום ברעג
אַ ווינטל זיך אַרויסגעוויקלט
און באַהויכט די אינדזל־קוסטעס
מיט אַ צאַרטן, זומערדיקן גלעט;
און איך —
איך יאָג אויף מיין בעציקל
מיטן ווינטל אין אַ ייִנגלישן געוועט.

ס׳האָב ליב דעם פוס־דרוק אויף פעדאַלן
און די קירעווע־שטאַנגען דלאָניעדיק־פאַרפרעסט;
צווישן ביימלאַך, דורך די צווייגן,
בלישטשען פריילאַך די פרימאָרגנדיקע שטראַלן
און באַגלייטן מיך
מיט אַ גאָלדענעם געלעכטער
אין מיין צעשויבערטן פאַרמעסט.

ס'איז דער אינדזל נאָך פאַרשלאָפן,
נאָר די בוכטע, מיט מיריאַדן אויגן,
וואַרפט זיך פינקלענדיק־צעוועקט —
איז פון ים דאָס ווינטל אָנגעלאָפן
און מיך, אויף מיין בעציקל,
אַ שפּילגעזעל פאַר זיך אַנטדעקט...

יאָגן מיר זיך ביידע —
מיר זיינען אַלטע פריינט שוין —
און מיר דערמאַנען זיך
אין ווייטע, זומערדיקע טעג...
וועט זיין מיין טאָג אַ גוטער היינט שוין —
אַ גאָלדן רענדל
אין מיין בלייענעם פאַרמעג.

צי מוזן מיר...

די סאַברעס
וועלן ניט קענען מיין ליד.
צו מיר,
דעם יידישסטן ייִד,
מען האָט זיי די אויגן פאַרשטעלט.
כ'בין געבליבן זיי פרעמד.
מען האָט זיי געלערנט
געדענקען די פאַרצייטיקע אבות
נאָר ס'לשון פון די נעכטיקע זיידעס
איז געבליבן — אַ בעטלער אין דרויסן
פאַר זייער געצעלט —
באַליידיקט פאַרשעמט.

די ליכטיקע סאַברעס,
די קינדער מיט זון אין די אויגן!
פון וועלכע ניפלען
האָבן זיי דעם ביטול געזויגן?!
צי האָט ווער זיי געלערנט
צו נעמען פון די נעכטיקע זיידעס די ריינע, די ערלאַכע מאָס?
די מוטיקע סאַברעס!
די שיינע!
דער יידישער ייִד נעמט אַרום זיי מיט שטאָלץ,
נאָר ביטער ליגט אויפן האַרץ אים

זייער פאַרניינען,
אַז פאַר זייער הייניטיקן, ליכטיקן קיום,
האָט ער מיט פינצטערע פלאָגן,
מיט ייִדיש און ייִדישן בלוט
יאָרטויזנטער גאַנצע באַצאָלט.

אָ, לאַנד פון די אָבות,
וואָס געבענקט נאָך דיר ס׳האָבן
צוואַנציק יאָרהונדערט פון ייִדישע דורות,
דו האָסט זיך פאַראָרימט!
דו האָסט דיין נשמה פאַרוואונדעט
און פאַרטונקלט אַליין
די אייביקע ליכט
פון דיינע נר־תמיד־מנורות.

צי איז עס צו שפּעט שוין
דעם ארון־קודש פון ייִדיש
צו עפענען ברייט
און מיט הייליקע ליכט אים באַשטראַלן?!
צי איז עס צו שפּעט שוין
דיינע קינדער צו פירן
צו די צעשפּרודלטע קוואַלן
פון דעם ייִדישן לשון —
זיין מוט זיין עשירות,
זיין פאַרעקשנט געדויערן?
צי קענען, צי מוזן,

צי מעגן מיר זאָגן:
פֿאַרלוירן!
מיר וועלן ניט אויפהערן מאָנען
און ניט אויפהערן אויך צו פֿאַרקלאָגן!
מיר וועלן נאָך אונדזער נשמה קיין קדיש ניט זאָגן!

מײַן שפּיגל

אַמאָל
איז דער שפּיגל געווען מײַן פֿרײַנט.
ניט הײַנט!
כ׳געטרוי אים ניט מער.
ס׳איז צופֿיל אין זײַן גלאַטקייט פֿאַרבאָרגן.
ער קוקט אויף מיר קריטיש,
אָדער גלײַכגילטיק־קאַלט
און שווײַגט און זאָגט מיר ניט אויס,
וואָס איך וועל זען אין אים מאָרגן.

איך געדענק אים נאָך גוט,
ווען מיט שפּאַלטן אין האַרץ,
ער איז אויף אַ קיכוואַנט געהאָנגען.
אַ רעמל אַ קליינס,
פֿון סאַזשע פֿאַרשוואַרצט —
ער האָט שטענדיק מיך וואַרעם באַגריסט דאַן —
ער האָט פֿון מיר גאָרניט פֿאַרלאַנגט מער...

צעשפּאַלטענערהייט
האָט ער פֿרײַנטלאַך געלאַכט
ווען כ׳האָב אפֿילו געוויזן אַ צונג אים.

ער האָט פון מיין שטיפן
זיך גאָרניט געמאַכט —
צי בין איך אַ ייִנגל,
צי אַ יונג שוין געווען,
בין איך שטענדיק געווען צו יונג אים...

יאָר־איין און יאָר־אויס
מיר האָבן אַזוי
אין צוטרוי און פריינטשאַפט געהויזט זיך,
און געווען, איך געדענק, איז אַפילו אַ צייט,
ווען ער האָט מיט מיר
אַביסל באַרימט און געגרויסט זיך...

איצט הענגט ער אַ ריינער,
שיין און צעגלאַנצט —
ער האָט פון דער צייט ניט געליטן;
ער איז ניט פאַרסאַזשעט,
קיין שפּאַלט — ער איז גאַנץ!
צי האָט אים זיין שלווה קאַליע געמאַכט?
צי האָט ער דערפאַר
אַזוי שטאַרק זיך געביטן?

איך גיי אים פאַרביי איצט
און כ׳שטעל זיך ניט אָפּ —
און אויב יאָ,
לאָז איך ליגן די ברילן אין שאַכטל,
כ׳טו אַ קעם, כ׳טו אַ גלעט דעם צעשויבערטן קאָפּ

און גענוג —
אין זיין שווייגן, זיין אייגענער גלאַטקייט,
איז ניט ווערט שוין זיך נעמען די מי
זיך נעענטער אַביסל באַטראַכטן.

אַ שאָד!
ער איז געווען אַמאָל מיר אַ פריינט.
ניט היינט!
כ׳וועל ניט געטרויען שוין קיינמאָל מיין שפיגל!
ווי שטענדיק — אויך היינט —
ס׳טוט ווי אַ פאַרלוסט.
פאַרפאַלן! פאַרלוירן! פאַרשלאָסן! פאַרזיגלט!.

צי געדענקסטו?

(מיין אַלטן חבר, חיים פּלאָטקין,
צום יום־טוב פֿאַר זיין בוך "אויף מיינע וועגן")

צי געדענקסטו דאָס שטיבל נאָך, חיים,
וווּ לייבל און דו און איך —
מיר האָבן געוואוינט דאָרט אין דרייען
און לידער געשריבן אין קיך?

מירביידע — שלאַנקע צוויי יונגען —
לייבל — דערשלאָגן און קליין.
מיר האָבן דאַן גלויביק געזונגען
ערלעך, באַגייסטערט און ריין.

איך ווייס ניט ווי גוט יענע לידער,
זייער דויער — איך ווייס ניט ווי לאַנג.
נאָר ס'בייטן די צייטן די לידער,
ווי זיי בייטן דעם דיכטערס געזאַנג.

דו האָסט דאַן ליב געהאַט לילין.
נאָראַ האָט געפּיבערט אין מיר.
און לייבלס ווייטיק דער שטילער
איז ניט דערגאַן צו "באַבודאַלעס" טיר.

ער האָט זי אין ליד ניט באַזונגען,
זיין צער האָט געדאַרפט אַ ראָמאַן.
צי איז אויף פּאַפּיר אים געלונגען
צו זיין איר געליבטער — איר מאַן?

ס'איז אומיסטן ביי אים דאָס פאַרזאַמען
זיין חלום פון נאָענטקייט צו איר...
ער דערציילט: אין קיך, ביי איר מאַמען,
האָט ער געהאָלפן איר וואַשן געשיר...

און אַז טעלער נאָך טעלער צעבראָכן
האָט ער, דער לא־יצלח, ווי דען?!
אַז זיין האַרץ האָט געפלאַטערט, געפאָכעט,
אַז ער האָט פאַר זיינע הענט זיך געשעמט...

עס גרויט דער מאָרגן שוין, עס קלעפן זיך די וויִעס,
נאָר ערְ מוז נאָך ריידן און ריידן...
ניט שפּעט — שוין העל אין דער פרי איז!
סאַראַ צער ס'איז אויף אים — און אונדז ביידן...

ער זיצט אַזוי טיף אין־זיך איינגענורעט,
אין ניקאָטין־געלע פינגער גליט דאָס ציגאַרעטל,
די אויגן מיד שוין, פאַרזשמורעט —
ער לאָזט ניט דאָס האַרץ זיך פאַרגלעטן...

ער טרינקט פונעם טרויער פון זיינעם
און ס'ליידיקט ניט אויס זיך זיין קריגל —
צי יערן זיי אַזוי אין אים די מוזע־וויינען?!
צי וועט "באַבודאַלע" אויף זיין אייביקייט לאָזן איר זיגל?

צי ווערן זיי — די עסעקדיקע ליידן —
פון האַרץ־פעדעם די גאָלדענע געוועבען?
צי איז בעסער די אַגאָניעס פאַרמיידן —
און זאָל דאָס האַרץ פאַטריקענען — נאָר זאָל עס לעבן!

ער האָט געטוליעט דאַן זיין צער,
ווי ער וואָלט דער זין געווען פון אַלע זיינע טעג שוין —
און גרייט געווען איז ער — באַצאָלן אים דערפאַר
ביזן סוף! ביזן סאַמע לעצטן וועג שוין...

ס'זיינען פון מויל אים געפלאָסן די ווערטער —
נאָר קלאָר איז געווען, אַז ער ווייסט:
ס'איז גאָרניט מיט איר שוין באַשערט אים,
נאָר ריידן ביינאַכט איז זיין טרייסט.

מיר האָבן די נעכט ניט געהיט דאַן —
אפילו ווען מ'האָט עס געדאַרפט;
מיר האָבן געשליפן דאָס ליד דאַן
און מיר האָבן די חושים געשאַרפט.

מיר האָבן גענוג ניט געשריבן,
זיכער צופיל דאַן גערעדט —
און פאַרשווענדעריש שעהן צעריבן,
ווען געמאָנט ס'האָט דער גוף שוין דאָס בעט.

וויפל שאַכטלעך פול ציגאַרעטן!
וויפל טעצעלעך פולע מיט אַש!
דריי אַרבעטער — יונגע פּאָעטן —
אין אומעט, אין פרייד און קוראַזש.

אין שעהן לבנהדיק, בלאַסע —
ס'פאַרשיכורט פון יאַסמין דער דופט —
ווער גייט אַזוי שפּעט איבער גאַס דאָרט?
ווער זינגט מיטן ווינט, מיט דער לופט?

עס שפּאַנען דאָרט דריי גרענאַדירן.
וואוהין? צו די בערגלעך מסתם.
זיי גייען ניט, ניין, זיי מאַרשירן
צום ריטעם פון ליד און פון גראַם.

עס האָט אונדז די יונגקייט געטראָגן —
ניט פון פאַרמעסט דאָס געיעג —
כאָטש ביז אויף דער נאַכט, פון פאַרטאָגן,
האָט מען פאַרבראַכט אין פאַבריקן די טעג.

דאָס ברויט איז געווען דאַן אָפט ביטער
מיט אַרבעט, מיט שווייס און מיט מי,
נאָר ס׳האָט אונדז דעם גייסט ניט צעשפּליטערט
און ניט פאַרביטערט דעם טעם פונעם ליד.

צי געדענקסטו דעם קיך־טיש נאָך, חיים?
און לייבלען — מיט פּען און פּאַפּיר?
דו קאָכסט עפּעס גוטס פאַר אונדז דרייען,
ס׳איז דיין האַרץ — ווען מ׳דאַרף — אַ גביר...

כ׳געדענק דיינע טרערן נאָך, חיים,
איך געדענק פון דער טיף נאָך דיין כליפּ
ווען לייבעלע, אונדזער געטרייער,
האָט אויף אייביק פאַרשלאָסן זיין ליפּ.

ס׳איז גרינשפּאַן, זיין חבר, געלעגן
שוין לאַנג אין זיין נאַכט און געשטומט.
צי האָט לייבל — דורך פיינלעך פאַרפּלאָנטערטע וועגן
אים צווויסן געגעבן — איך קום...

ער האָט צוגעזאָגט ווו איך אַ ליד אים
מיט "טויטע טריט" צו דערגיין,
צו זיין קבר, דער ערד, וואָס באַהיט אים,
און, ווי אַ ווילדער, זיך דאָרטן "צעקרייען..."

און אַז גליען וועט דאַן אויף זיין שטערן
אַזאַ סימן — אַ שפּיזיקער שטראַל —
וואָס פאַרלעשן ער וועט זיינע טרערן
און די אייגענע אויך — ביים פינאַל...

ביים געדענקען — וואָס איז דער עיקר?
איך ווייס ניט. חיים, אפשר ווייסטו?
עס קענען זכרונות דערקוויקן —
און זיי קענען צעשטערן די רו...

נאָר די געוועבן פון יענעם קאַפּיטל
זיינען פולע מיט פאַרב און מיט קלאַנג;
זיי דאַרפן ניט האָבן קיין טיטל,
חוץ, אפשר — עס טוט נאָך זיי באַנג...

דאַכט זיך — קיין מעכטיקע דראַמע.
נאָר דעם טעם גיי גיב איבער, ס'געמיט,
פון דער גוטסקייט פון יענעם צוזאַמען,
פון דעם ביטער־זיסן געראַנגל מיט איטלעכער שורה אין ליד.

גאָרניט. — און פאָרט וויפל וווּנדער!
וויפל וואַרעמקייט דאָרט אין דער קיך,
ווו מיר האָבן אין דרייען געזונגען —
דו חיים, און לייבל און איך.

זאָל ער...

זאָל דער איינזאַמער בוים,
וואָס פּינצטערט אַריין
אין מיין שטוב
דורך די נאַכטיקע שויבן —
זאָל ער זיין אַן עדות
אַז עס קומען פון ערגעץ מיך טרייבן
די שדים
און שלעפּן צום שטענדער
און זאָגן מיר אונטער דעם קדיש
נאָך פאַרלאָשענע שטערן פון גלויבן.

זאָל ער
די פון עלטער־צעגראַבלטע צווייגן
פאַרפלעכטן, ווי פינגער פאַרפלאָכטן
אין תפילה
און זאָל פון זיין שעפּטשענדיק שווייגן
פליסן די טרויער־באַלאַדע
פון מיין עלעגישער אומעט־מעגילע.

זאָל ער,
מיט די נאַקעטע שטענגלאַך,
אין ווינטער־פאַרגליווערטן ציטער,
זאָל ער זיין אַן עדות
ווי שטענדיק,
אין נאַכטיקע שעהן אַזוינע,
איך ראַנגל זיך איינזאַם מיט שאָטנס
און זוך אַ טראָפּ האָניק
אין טונקל
פאַרן ליד,
וואָס פליסט אַזוי ביטער...

איז מיר באַשערט

מײַן אַלטן חבר, מ. אַ. (יורי) סולן)

ס׳וועדט דער קרײַז אַלץ קלענער, קלענער,
דעם לעבנס־אוצר גנב׳עט צו די צײַט;
דערפֿאַר מאַכט זי די נאָענטשאַפֿטן —
די אמת׳ע, די אַלטע,
וואַרעמער מסתם און שענער;
יענע נאָענטשאַפֿטן,
וואָס זיי ציען זיך שוין פֿון אַ לאַנגער ווײַט.

עס פֿעלט שוין ניט אַזוי אַצינד
דער רויש פֿון הוליענדיקע ליאַמעס;
דאָס ווילדע דרענגען פֿונעם בלוט
איז אויך ניט ווילד שוין אַזוי מער.
און דאָס, וואָס ציט מיך שטאַרק נאָך
און כ׳פֿאַרזאַם עס —
טוט מיר באַנג,
נאָר כ׳פֿאַרגיס דאַריבער ניט קיין טרער.

ס׳קען אויך אַ היימיש ווינקל
זײַן אַן ערדיש שטיקאַלע גן־עדן,
אָן דעם שור־הבר —
גענוג אַ צובײַס און אַ גלעזל פֿראָסטן ווײַן —
און אַ נאָענטן, אַ געפֿיל מיט אים צו טיילן,

און ריידן פון דער וועלט, פון שרייבן —
און גלאַט אפילו אין דער לופט אַריין...

איז מיר באַשערט
צו האָבן אַזאַ נאָענטן, אַ חבר.
שוין אַ האַלב יאָרהונדערט,
אַז ס׳פּאַרקניפּט פון טעג די פּראָזע אונדז
און פון יום טוב דאָס געזאַנג;
ס׳האָט ניט אָנגעהורבעט זיך
אויף אונדזער נאָענטקייט קיין זשאַווער;
מיר פליען ניט באַגייסטערט ווי אַמאָל,
נאָר עפּעס פליענדיק
איז אַלץ נאָך אונדזער גאַנג.

פון אונדזער ברויזנדיקן קרייז
געבליבן איז אונדז ביידן
אַ ווינקאַלע אַ וואַרעמס —
אַ זעמל ביי אַ קיך־טיש,
אַ טעפּל קאַווע, אַ גלעזל פּראָסטער ווין —
אונדזער ערדיש שטיקאַלע גן־עדן!
און מיר טרינקען אָפּט דאָרט אַ לחיים
און מיר ריידן
פון אַלצדינק אין דער וועלט
און גלאַט אַפילו אין דער לופט אַריין...

ניט אין דעמער פון נעפּלען

ס׳האָבן די יאָרן
אין דעמער פון נעפּלען
מיין קינדהייט
ביז היינט ניט פאַרשלונגען,
ס׳האָט די צייט מיט פאַרזשאַווערטע שלעסער
צו מיין אוצר־קאַמער די טיר
אפילו ביז איצט ניט פאַרמאַכט.
כ׳האָב נאָך פון דעמאָלט,
די לידער וואָס מאָנען,
ביז היינטיקער שעה ניט דערזונגען;
עס שפּרודלען נאָך ריין יענע רינדלעך;
פון יענע טונקעלע, צעציטערטע ברונעמס,
האָב איך די לבנה־רענדלעך
נאָך ביז איצט צו דער זון ניט געבראַכט.

פאַראַן נאָך אַזוי פיל צו זינגען,
צו פאַרשרייבן
פאַראַן אַזוי פיל,
איידער די עכאָס פאַרקלינגען,
איידער דאָס קול ווערט אַ שעפּטש,
איידער די האַנט ווערט פאַרמאַטערט,
איידער די סטרונע נעמט סקריפּען,
איידער דער פידל ווערט שטיל.

ניט עפּאָסן גרויסע כ׳בין אויסן —
ניט דעם דראַמאַטישן שוואונג,
נאָר ס׳געדענקען פון פאַרב און פון פילן;
דעם טעם
פונעם וווּנדער אין לעבן,
דעם טעם
פון אַן אייגענער קינדהייט!
פון האָבן געווען אַמאָל יונג!

אויף מיינע באָרוועסע, בלאָטיקע פיס,
עס קלעפּט די גאַליצישע ערד נאָך;
איך יאָג נאָך
דורך פרילינגדיק־בליציקע שלאַקסן —
דער רעגן איז טערפּקע און זיס
און כ׳זע די דערשראָקענע פערד נאָך
און כ׳הער נאָך דעם סקריפּ פון די רעדער
אויף שווערע, געדויעטע אַקסן.

כ׳זע נאָך ס׳געיעג,
דעם האַרמידער
פון זומערדיק־הייסע יאַרידן
און הער דאָס געוויין פון באַנדורעס
פון בעטלערס די טרויעריקע לידער, —
די זמורים פון ביטערע דאָליעס;
די קלאַנגען פון היציקן האַנדל, —
פון אוקראַיניש, פויליש און יידיש.

כ׳זאָג אַרויס דאָס וואָרט —
״האָראָדענקע״
און ס׳טוט זיך דאָס האַרץ אַ צעשפּאַר —
אַזאַ וואַרעמער הויך,
אַזאַ בענקען...
און כ׳דערפיל זיי, די געסלעך פון נעכטן,
און כ׳גיי איבער שטויביקע שטראָזן,
און וויקל פונאַנדער די פעדעם —
פון געדענקען דעם ווילדןווירוואַר.

און ס׳בליצן אויף פּאַסטשערקעס, סטענגעס,
אין העלע, אין בונטע קאָלירן,
און כ׳זע נאָך, אין בודקעלעך ענגע,
ווו ס׳פּאַרקויפן די ווייבער דעם קוואַס;
און כ׳הער נאָך פון אייזן דאָס קלירן
און ס׳געזאַנג פונעם יידישן קאָוואַל,
וואָס זינגט — ווי אין ליד פון דער קוזניע —
דורך אַן אָפענער טיר צו דער גאַס.

עס גליען די רויטע מאַרעלן,
די וויינפּערלעך פינקלען אין מיר —
און אַגרעסן — גרינע קאַרעלן —
איך צופּ זיי נאָך היינט פון די קשאַקעס —
און פון געגנבעטע, זאַפטיקע קאַרשן,
איז דאָס פּנים נאָך היינט מיר פאַרשמירט.

און אונטןביים פּאָטיק, אין דעמער,
ס׳איז פול די לופט מיט געזשום,
זי קומט
מיט אַן אויסרייד — אַ קלייניניקן עמער —
זי קומט מיט באָרוועסע פיסלעך
און איך וואַרט אויף איר דאָרט צווישן גראָזן
אַ באַנגער, פאַרציטערט און שטום.

ווו איז זי,
צווישן גראָז יענע סקאַלע?
וואָסער מזל האָט דאָרט ניט געשיינט!
מ׳האָט געזאָגט:
זי וועט זיין מיר אַ כלה...
מיין שיינע,
מיין זוניקע שכנה —
איך חלום פון איר נאָך ביז היינט.

ס׳איז דער הימל
אַ טיף־טונקלדיק בלויער;
מיר זיצן באַהאַלטן, אַליין.
פאַרוואָס אין מיין גליק
אַזאַ טרויער?
צי איז עס דער אומעט
אין קוואַקען פון זשאַבעס,
צי דער צויבער־דופט אַרום שטיין...

צוויי הענטלעך,
אויף ברוין־ווייסע ליטקעס
און איך —
גיי ווייס וואָס איך שפּיר...
צי איז דער שטיין
אַזאַ הייסער פון טאָג נאָך?
איך גראַבל די סקאַליקע ווענטלעך —
איך ווייס ניט וואָס טאָן מיט זיך פריי׳ר...

וואָס איז פון מיין שיינער געוואָרן,
וואָסער גליק
איז געוועזן איר באַשערט —
צי איז זי
אַ זאַנג אויף אַ פעלד דאָרט ...
צי אפשר אַ שטעכיקער דאָרן...
איך ווייס —
זי איז אַ בלום אין מיין האַרץ נאָך.
איך ווייס —
ס׳האָט יונג איר בלוט זיך פאַרמישט דאָרט
מיט דער פעטער, אוקראַינישער ערד!

כ׳געדענק זי
און כ׳וועל זי געדענקען —
צי שנעל יאָגט די צייט,
צי זי קריכט.
וואָס דעם פאָטיק —

איז גרייט צו פאַרשווענקען
איז ניט גרינג
צו פאַרשווענקען אין זיך.

דער פאָטיק
גיי מעסט זיינע פריידן
ווען די זון אַ צעלויכטענע פלאַמט!
פאַרשווונדן
דער פאַרנאַכטיקער אומעט,
מיט חברים
אַהין צום גן־עדן!
ווער וואָלט אַ מיניט דאָרט פאַרזאַמט?!

אַהין, ווו די מיל־רעדער רוישן,
ווו ס׳פליען די שפּרייען אין ווינט;
דער מילנער — אין ווייסן פאַרשלייערט —
שפּאַנט אַרום מיט אַ שטעקן אין דרויסן,
צווישן פאַרשטויבטע, פאַרבלאָטיקטע רעדער,
באַטאַפּט ער די זעק אויף די פורן...
ס׳זיינען פאַרשאָטן מיט מעל זיינע וויעס
און ס׳דאַרט זיך — דער מילנער איז בלינד...

די ווערבעסביים וואַסער זיך וויגן;
די בלעטער לענגלעך־פאַרשפּיצט;
עס זשומען דאָ בינען און פליגן;
ס׳הויבן פון רעדער זיך שוימען

אוןווערן פאַרכישופטע טראָפּנס —
דימענטן ליכטיק־צעבליצט !

עס קומען אַהערצו אויך ציגן
און בהמות קומען אַהער
און ס׳מישט זיך מיטן גאָרגלען פון וואַסער
ניט איין מאָל אַ יידישער ניגון
און אַ טריעריקער פייף פון אַ פויער
וואָס ברענגט אַהער פּאָיען זיין פערד.

און העכער, אַרויפצו אין פּאָטיק,
אין העמדער, לאַנג אונטער די קני,
דער ברעג דאָרט
איז זומפּיק און בלאָטיק — דאָרט באָדן זיך יידישע מיידלעך
און טוען אַ נאַש פונעם זומער...
און דער ברעג, יענדער בלאָטיקער, קינדער,
אוי, ווי דער ברעג יענער ציט !

די מיל־רעדער רוישן און זשומען
און ספּליעסקעט דאָס וואַסער פון פרייד...
ווער ס׳וויל נאָר
דער קען אַהער קומען —
נאָר ביסטו אַ יינגל אַ יידישס,
קום ניט אַליין צו די רעדער !
קום מיט נאָך יידישע יינגלעך !
מיט שטעקנס און שטיינער פאַרגרייט...

ווייל פון יענער זייט פּאָטיק דעם קליינעם —
פונעם גויאישן, סקאַליקן באַרג —
ס׳קען אָנהויבן
האָגלען מיט שטיינער!
און יידישע יינגלעך געדנעקען,
ס׳האָט דאָרט די ערד
אירע שטיינער
קיין מאָל פאַר זיי ניט געקאַרגט!

און יידישע יינגלעך אין איינעם,
מיט קופּקעלעך קיזלען אויף ד׳רערד,
מען קניט, מען שטייט הינטער ביימער,
מען בויגט זיך אָן נאָך די שטיינער
און נאַקעט אַנטקעגן די שונאים
מען קעמפט פאַר די רוישיקע רעדער!
און ניט איין מאָל —
אין קאַמפן, אין נאָענטע, —
ווערט פון אַ שטעקן אַ שווערד...

ווו זייט איר איצט,
יינגלעך, אָ מיינע,
פון וועלטישע שטורעמס פאַריאָגטע,
צעשפּרייטע אין וואַנדער־געלאָף?
און איר, וואָס זייט דאָרטן פאַרבליבן,
צי האָט אַ דייטש,
צי האָט אַן אוקראַינער

באַגלייט אייך מיט ווילדן געלעכטער
אין די בלוטיקע רגעס פון סוף...

איר האָט אויך — איך ווייס — אין די וועלדער,
באַוואָפנט מיט — וואָסער געווער?
מיטן מוט פון די מיל־רעדער העלדן
אייערע לעבנס קעגן שׂונא געשליידערט!
נאָר ס׳רוישן פון יענע זילבערנע רעדער,
דעם גאָלדענעם פּליעסק פונעם פּאָטיק
וועט איר קיין מאָל ניט הערן שוין מער.

מען זאָגט מיר —
ווײ, וואָס מען זאָגט מיר! —
אַז ס׳איז פאַראַן נאָך
אַ סלעך פון אונדז דאָרט;
און פינצטער פון דעם
ווערט דער טאָג מיר!
אַז פאַרבויטע
עס זיינען די טראַקטן
פון אונדזער ערד —
אונדזער הייליקן אָרט!

נאָר די שטיינער —
די מצבות פון זיידעס און טאַטעס?
ס׳האָט די ערד
ניט פאַרשלונגען זיי,
ניין!

זיי ליגן לענגאויס
אין די בלאָטעס —
טראָטואַרן פּאַרצייטיקע, מאָדנע...
אָ, ייִנגלעך, אייגענע מײַנע,
שטעגן געפּלאַסטערטע דאָרטן
מיט אונדזער מאַרך און געביין!.

אַה, מײַנע ייִנגלעך פון שטעטל,
אונדזער פרייד
האָט געקאָסט און געקאָסט!
כאָטש אָפּט,
גאָר אָפּט זיך געשראָקן —
נאָר מיר האָבן פון שׂנאה די קעלטן
אונדזער פרייד ניט פאַרפרירן געלאָזט!

עס האָבן אין נאַכטיקע שרעקנס
געציטערט לאַמטערנס מיט ליכט —
אַ וואָפן —
אַ שטיין און אַ שטעקן
און פייקלעך — קינדערשע הערצער!
און האָט זיך אַ האַרץ צעקאַליעטשעט —
ווער האָט געקענט זיי די פייקלעך?
ווער האָט געוואוסט ווי צו היילן —
ווער האָט דעם שאָדן פאַרריכט?!

באָרוועסע,
קליינע גיבורים!
מיר האָבן געפירט מיטן פּחד אַ קריג!
אויף דאָרפישע איינזאַמע סטעזשקעס,
מ׳איז ניט איין מאָל פאַרציטערט געגאַנגען
און די פאַרקלעמטע אייגענע מורא
אין צעפלאַטערטן הערצל באַזיגט!
און האָט מען דאָרט ווען באַגעגנט —
אַ נס
אויב געווען ס׳איז אַ פריינט!
אויף איינזאַמע, דאָרפישע וועגן,
האָט אפילו אין זומער־טעג העלע
די זון פאַר אַ ייד ניט געשיינט.

ניין, ניט פאַרגעסן די פּיינען!
נאָך ס׳פאַרגייט ניט
די זיסקייט פון צונג...
אויף טונקעלע טעג
קענען שיינען!
און העלער פונעם נעכטיקן טונקל
איז דאָס גליק —
דער שטראַל פון געדענקען —
יענע טעג ווען געווען מ׳איז יונג!

צי טרויערן זיי, די ווערבעס, נאָך דאָרטן
פאַרבענקטע נאָך אונדזערס אַ ליד?
האָראָדענקע —
דיין נאָמען מיינט "גאָרטן",
צי האָט וואו דיין פּינקס פאַרשריבן —
צי האָט ווען דיין האַרץ זיך דערמאָנט,
אַז מיינע יידישע יינגלעך,
די באָרוועסע, קליינע גיבורים
האָבן אין דיין פאַרדאָרנטן גאָרטן געבליט!?

האָט די צייט
מיט פאַרזשאַווערטע שלעסער
יענע טירן נאָך אלץ ניט פאַרמאַכט.
כ׳ווייס ניט ביז איצט
וואָס אַ נס איז —
נאָר יענעם וואונדער־לאַמטערן
וועל איך שוין אין זיך ניט פאַרלעשן
ביז אין די טונקלסטע רגעס
פון דער לעצטער,
דער פינצטערסטער נאַכט.

ביים אויפדעקן דעם שטיין

(דעם אָנדענק פון מיין אַלטן, נאָענטן חבר,
דעם נאָוועליסט לעאָן יורמאַן
צו זיין ערשטן יאָרצייט)

איך בין געשטאַנען
ביי דיין נאָר־וואָס אויפגעדעקטן שטיין
און צו אַ הייפעלע פון נאָענטע
וועגן דיר גערעדט.
און געזאָגט האָב איך, דאַכט זיך,
אויך צו מיר אַליין:
וואָס קומט אַרויס?
אַז פאַר אַלץ,
וואָס ניט דערזאָגט מיר האָבן דיר
ביים לעבן,
איז איצטער סיי־ווי שוין צו שפּעט.

אין שכנות דאָרטן מיט דיין שטיין —
אַזויפיל נאָך ניט אַלטע שטיינער,
מיט נעמען, וואָס זיי לעבן נאָך אין מיר;
עס ליגן ניט פאַרשאָטן דאָרט קיין ביינער,
נאָר אַ וועלט,
וואָס איך און דו
האָבן געלעבט אין איר.

וואָס, מיט מיינע רייד,
האָב איך געקענט פאַר דיר דערגאַנצן ?
מיר האָבן דיך געלאָזן
אין דיין פינצטערניש אַליין.
מיר האָבן אויסגעווישט
די טרערן פון די אויגן
און מיר האָבן זיך געמוזט צעגיין.

נאָר איך
האָב מיטגענומען פון דיין שטיין
די שווערקייט
און די אותיות פון דיינס אַ ליד ;
און עפּעס אַ מין אַלטן, גרויען אָבל,
וואָס זיצט, ווי אויף אַ שבעה־בענקעלע,
אַן איינגעהויקערטער אין מיין געמיט.

כ׳האָב ליב ניו יאָרק

כ׳האָב ליב ניו יאָרק, זי איז מיין היים — כמעט...
נאָר כ׳קען נאָך אַלץ ניט
מיט אַ פולן האַרץ
צו איר
אין ליבע זיך דערקלערן,
כ׳בין איינגעוואָרצלט דאָ
און פון לאַנג אַ היגער שוין —
און בין אַלץ נאָך
עפּעס פרעמד און נע־ונד
און כ׳קען זיך גאַנץ
דאָ ניט געפינען —
און ניט דאָס ווידער־קול פון מיר
אין איר קאָכנדיקן שטראָם דערהערן.

ס׳דאַכט זיך מיר צומאָל —
כ׳בין אַ פּליכטלינג נאָך,
אַן אַנטלאָפענער
פון מלחמה־שוידערס און פּאָגראָמען;
אַז עס וואַרט אויף מיר
מיין שטעטלדיקע היים
און אַז נאָך דעם גרויסן בראָך,
וועל איך זיך אומקערן
קיין האָראָדענקע

און ס׳וועט מײַן שטילע גאַס
באַגריסן מיך מיט אַ דײַטשמערישן, —
ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר גאַליציע —
אַ האַרציקן ווילקאָמען!

ס׳ווערט זעכציק יאָר שוין באַלד,
אַז מיט ניו יאָרק כ׳בין אַ פֿאַרוועבטער.
כ׳בין געוואַקסן דאָ,
כ׳בין דאָ געוועזן יונג,
כ׳בין דאָ געוואָרן אַלט —
נאָר עפּעס איז געבליבן ניט דערגאַנצט
אין די אַלע יאָרן דאָ די אָפּגעלעבטע...

צי בין איך איר, מײַן שטאָט,
אַן אומגעטרײַער — ?
איר, וואָס האָט אַזויפֿיל מיך געלערנט
און גענערט מיך און באַרײַכערט — ?
זי איז נאָענט מיר און טײַער!
נאָר זי אָטעמט ניט מיט מײַן נשמה־דעך...
עפּעס בלײַבט מיר פֿרעמד און ווײַט
און איך ווייס — עס איז ניט צום דערגרײַכן.

אין דער שטילקייט...

אין דער שטילקייט צווישן מאַן און ווייב
איך הער צו אָפּט דעם האַס —
די ביטערקייט,
דעם שאַרפן עסיק;
אין דעם שמייכל,
אין דעם צוגעשפּיצטן שפּאַס,
טוט אַ פינקל
דאָס שטאָל פון שׂנאהדיקן מעסער.

און דאָס, וואָס דאַרף אַריינברענגען
אַ ליכטיקייט אין שטוב, אין הויז —
ברענגט אַריין אַ טשאַד אַ שווערן,
און צומאָל — אַ שפּיל אין קאַץ און מויז —
דורך אַ ריס, ווי דורך אַ וואָלקן,
טוט אַ בלישטש
אַ פינקלענדיקער שטערן.

און אָט־אַזוי פאַרגייען זיי די טעג
און זיי פאַרשווינדן
אין די אין־סופן, אין דעם אָפּגרונט פון די צייטן...
און די בענקשאַפט נאָכן טייערסטן פאַרמעג —
נאָר דער ליבשאַפט בלייבט...
און אין דער שטוב
וועט דער קלימאַט זיך שוין ניט בייטן.

פרידאַ׳ן

ווען איך זע די צאַרטקייט
פון די ווײַס דײַנע טריפּן
און אַן אומעטיקן שמייכל
אויף דײַן, מיר אַזוי ליב, געזיכט,
דערפֿיל איך אַזאַ צערטלעכקייט צו דיר
אין מײַנע סאַמע טיפֿן
און אַ באַנגיקייט
פֿאַר דעם, וואָס די יאָרן צעקאַליעטשען,
פֿאַר דעם, וואָס קען ניט ווערן שוין פֿאַרריכט.

כ׳וואָלט וועלן דאַן דיר זאָגן עפּעס,
וואָס איך האָב עס דיר אַ סך מאָל שוין געזאָגט,
נאָר זאָגן עס דיר אַנדערש —
און איך קען עס ניט דעריאָגן,
דאָס וואָרט, וואָס כ׳פֿיל,
נאָר האָב עס אפֿשר קיינמאָל ניט פֿאַרמאָגט.

איך ווייס אַז ווערטער
קענען אָנצינדן אַ שׂריפֿה,
און דאָך — זיי זײַנען ניט קיין שוועבעלעך
אין קינדערישע הענט;
נאָר צום ריינסטן וואָרט,
צום גינגאָלד זיך דערצילן —
דאָ איז שוין אין עפּעס אַנדערש
און אין מער אַ סך געווענדט.

איז אָנגעשטעלט דאָס האַרץ מיינס
צו אַ ניגון
און איך זוך צו אים די ווערטער
וואָס זאָלן זיין ווי ער אויך אַזוי צאַרט,
און ווערטער קומען —
נאָר שטענדיק דאַכט זיך מיר,
אַז בעסער וואָלט איך זיי פאַרשוויגן,
אַז אויף דעם גינגאָלד,
אויף דעם וואָרט דעם ריינסטן,
האָב איך זיך קיינמאָל ניט דערוואַרט.

זינג איך איצט צו דיר
אָט־דאָס ליד דאָס קליינע
און בעט:
דאָס ניט־דערזאָגטע
דערגרייכן זאָל דיין טיפסטן חוש
און פאַלן ווי אַ שטראַל
אַ וואַרעמער, אַ ליכטיקער,
אויף דיין שיינקייט
און דיר לאָזן וויסן,
אַז דער ניגון פון מיין ליבשאַפט —
מיט דעם לעצטן אָטעם —
וועט אויסהויכן צו דיר
דעם לעצטן קוש.

מעג זיין...

מעג זיין די ערד
אַ פּינטל בלויז אין רוים,
אַ גאָרניט
אין דער גרויסער סכעמע —
פֿאַר מיר
איז זי דאָס ענדלאָזע,
אָן אַ ברעג אין אָן אַ זוים,
און ס׳וועלן אַלע וועלטן פֿון דער וועלט
איר פּנים ניט פֿאַרבלאַסן
און דאָס אָרט אירס ניט פֿאַרנעמען.

מעג פֿליען ווער עס וויל
צו די באַרימטע שטערן;
מעג ווי דערהויבן שפּאַנען ווער עס קען
אויף דער לבנה —
איך האָב ווייט נאָך דאָ
דאָס לעבן ניט דערלערנט
און ביזן סוף וועל איך דאָ
ווונדער־אויגיק שטוינען
און ניט אויפֿהערן צו טוליען
צו מיין ערד זיך
און ניט אויפֿהערן ביי איר
נאָך עפּעס ווונדערלאַכס צו מאָנען.

ווי טיף
דער צער איז
און די שרעק,
וואָס עס גרייט דער מענטש אַליין
זיך און זיין וווּנדער־היים
אינגאַנצן צו פאַרניכטן —
אָדער לאָזן זי אַזוי,
אַז גאָט אַליין
זאָל ניט קענען זי שוין מער פאַרריכטן.

פאַראַן אַזוינע...

פאַראַן אַזוינע,
וואָס זיי זעען אַלצדינג
אין אַ שפּיגל, וואָס פאַרהעסלעכט;
וואָס אַלץ אין אים
איז דעפאָרמירט, און קרום;
זיי גייען דורכן לעבן
ווי דורך חשכדיקע הינטערגעסלעך
און אין יעדער גאַנצקייט
און אין יעדער רייכקייט
זוכן זיי
דאָס פאַרברודיקטע,
זוכן זיי דעם מום.

ביי זיי איז קיין באַלאַנס ניטאָ —
ס'איז אַלצדינג אַ צעקרימטער שאָטן;
זיי קוקן אייביק
אין אַ פייכטן, שוואַרצן דנאָ —
אין אַ זומפּ,
וואָס גאָרניט קען אין אים געראָטן.

און האַלטן זיי אַ פען אין האַנט —
איז זי אין ביטערקייט געטונקען
און געמאַכט פון שפּילקעס
און פון שפּיזלען —

און מיט גאַל אין איר
איז אַלץ פאַרטרונקען
און אַ גראַבלענדיקער עסיק
הערט ניט אויף פון איר צו ריזלען.

כ׳וואָלט וועלן...

כ׳וואָלט וועלן זיין אַזוי געבענטשט —
מיין גורל זאָרל עס מיר באַשערן,
אַז ס׳זאָל אַיעדער יידיש־מענטש
אַלע מיינע לידער הערן.

דער ווייטיק זיינער
גליט אין מיר,
זיין פרייד און אויך זיין בענקען...
איך געדענק און איך דערשפיר
אַלץ, וואָס ער מוז האַלטן וואַך,
וואָס אייביק מוז ער עס געדענקען.

דער נעכטן זיינער און זיין היינט
זיינען אין מיין ליד פאַרוועבטע —
און איך וויל
ער זאָל אין אים זיך בוילעטער דערהערן —
און אַז דעמאָלט,
ווען איך וועל זיין שוין אַש און שטויב,
זאָל מיין לידער־פונק
נאָך אַלץ ניט אויסגעלאָשן ווערן.

כ׳בין הונגעריק נאָך ביכער,
נאָך ליכט
אויף ווייטערדיקע וועגן;
כ׳וואָלט וועלן שטאַרק
כאָטש אַביסל זיין פאַרזיכערט,
אַז מערער ווי דעם אומקום
ס׳גייט מיין צייט
אַ לעבעדיקער וועלט אַנטקעגן!

כ׳וואָלט וועלן קוקן אין די אויגן פון אייניקלעך,
פון קינדער קליינע,
פון מיינע מיר, טייערע
מיין שיינעם למי׳ן
און מיין וואונדער־זיסער סתו׳ן —
און ווייזן זיי
דעם שלום־צוזאָג
אין ריזן־אותיות אין ריינע
אויף די האָריזאָנטן,
אין די הימלדיקע כתבן.